**ר׳ יואל אשר:** **ויש לאחת מהן או לאחר.** אויך ווען א מענטש איז מקדש מערערע פרויען, קען איינע פון די פרויען זיין דער שליח פון אלע פון זיי, אזוי ווי מיר האבן געלערנט אז די טאכטער אליין קען זיין דער שליח. אדער קען ער זיי שטעלן א שליח **לקבל הקידושין על ידי כולן מדעתן,** ער קען אלע צוזאמען מסכים זיין אז דער זעלבער שליח זאל מקבל זיין אין דעתא.

**ר' יצחק:** קומט אויס, די אלע זאכן, די הלכה איז לכאורה א הקדמה פאר די נעקסטע הלכה וואס גייט זיין קאמפליצירטע פעלער פון דעם. ממילא דארף מען זאגן די כלל, א מענטש קען מקדש זיין דריי פיר פרויען אויף איינמאל, און ס'קען אפילו זיין אין די זעלבע פעולה, ווייל זיי מאכן אלע א שליח פאר איין מענטש אז ס'זאל זיין זייער שליח, ממילא קומט אויס אלעס אויף איינמאל.

**הלכה ג — המקדש את האשה ונתן קידושיה ביד חברתה**

**ר' יצחק:** יעצט איז אזוי,

**ר' יואל אשר:** שאלות וואס געשעט אין...

**ר' יצחק:** וואס איז נישט אין די דעם? ווען ס'איז נישט אזוי קלאר. יא.

**דער פאל פון "ואת נמי"**

**ר' יואל אשר:** יא. **המקדש את האשה**, אה, בעיסד אויף דעם אז מ'קען מקדש זיין אפאר פרויען, אזוי ווי דו זאגסט. איינער מקדש'ט א פרוי, **ונתן קידושיה מדעתה ביד חברתה.** זי געבט עס פאר א שליח, פאר א חבר'טע פון די פרוי, און אלע דריי ווייסן פאר וועמען ער געבט יעצט א קידושין. אבער יעצט, נאכדעם וואס ער געבט די קידושין, רופט ער זיך אן צו די חבר'טע, צו די פרוי, **כשנתן הקידושין לידה**, ווייסטו, **ואת נמי**, די קידושין זאל אויך זיין פאר דיר. אויב חן גמת, וועל איך שוין דיך אויך קונה זיין מיט דעם. **וכיוצא בזה**, און זי איז מסכים, אביסלי.

אבער אויב ס'איז נישט געווען קלאר אז ער האט געזאגט "איך וויל דיך אויך" און זי האט מסכים געווען, נאר ער האט געגעבן פאר איין, און ער האט געזאגט "ואת", און ער האט נישט מסביר געווען מער, **וסתם ולא פירש.** איז יעצט הייבט זיך אן די שאלה וואס ער האט געמיינט מיט דעם "ואת". איז וואס איז די הלכה? דער וואס האט מקבל געווען די קידושין, פון דער וואס האט געזאגט די "ואת", די חבר'טע, איז **ספק מקודשת.** פארוואס? **שמא לא נתכוון אלא לראות מה בליבה**, אפשר האט ער אזוויי גע'טעסט' די וואסערס, ווי מ'זאגט. ער האט געזאגט "ואת", **וכאילו אמר לה ואת מה תאמרי בדבר זה?.** און היות ס'איז נישט געווען אזוי, ס'איז נישט געווען קיין לשון קידושין,

**ר' יצחק:** נאר א שאלה איז צו מיט דעם פעולה זאל ווערן מקודשת. נו, אפשר ווילסטו אויך? אקעי, מ'וועט רעדן וועגן דעם.

**ר' יואל אשר:** און אפשר האט זי מקבל געווען פון די חבר'טע, אפשר האט זי געמיינט אויך אז זי איז מסכים. **שהרי זה עדיין שואלה לראות מה בליבה,**

**ר' יצחק:** זי האט נאכנישט מחליט געווען.

**ר' יואל אשר:** ס'איז אן אינטערעסאנטע פאל. נישט אייביג איז דא א ספק מקודשת, נאר אין א פאל ווען זי זאגט נאכדעם אז זי האט בעצם געהאט רצון, נאר ס'איז נישט קלאר וואס די אמירה איז געווען.

**ר' יצחק:** אויב זי האט נישט געוואלט, אז זי וויל נישט,

**ר' יואל אשר:** הייבט זיך שוין אן די שאלה. אזוי האט זי געוואלט, און די שאלה איז, איז די לשון "ואת" געווען ריכטיגע ווערטער פון קידושין?

**ר' יצחק:** ניין, קען זיין אז זי האט מקבל געווען. פאר דעם זאגט ער "ולפיכך קיבלה". פאר עני טיים איך גיי צו א פרוי,

**ר' יואל אשר:** איך זאג, נו, אריין,

**ר' יצחק:** איך נעמט עס. אויב ס'איז נישט דא די מעשה מיט די חבר'טע, איז די נעמען א ראיה אז זי...

**ר' יואל אשר:** אבער וואס נעמסטו? אה,

**ר' יצחק:** דא נעמט זי עס פאר די חבר'טע.

**ר' יואל אשר:** ס'איז נישט אזוי קלאר.

**ר' יצחק:** רייך, זי נעמט עס פאר די חבר'טע. זי נעמט עס ווייל אפשר וועט מען זען מארגן. אויב מען זעט מארגן, איז פשט אז נישט יעצט.

**ר' יואל אשר:** און עס איז נישט ספק מקודשת.

**ר' יצחק:** עס בלייבט א ספק.

**הלכה ד — התקדשי לי בדינר זה**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, וואס טוט זיך אזא פאל? **התקדשי לי בדינר זה.** א מאן געבט פאר א פרוי.

**ר' יצחק:** איך קען דא אריינלייגן דאס וואס איך האב יעצט געזאגט. געווענליך איז "התקדשי לי בדינר זה", און זי נעמט עס, איז געגוג. אבער וואס איז אויב זי טוט נישט אזוי?

**נטלתו וזרקתו — ווען זיווארפט עס אוועק**

**ר' יואל אשר:** נאר... זי זאגט אויך נישט איך וויל נישט. נאר זי טוט אזא מאדנע זאך. זי נעמט די דינר, **נטלתו וזרקתו לפניו**, זי ווארפט עס אראפ אין פראנט פון אים, אדער זי ווארפט עס צו די ים, אדער צו די פייער, אדער צו א דבר האבד, איך ווייס נישט, אין א פארל, **אינה מקודשת.** ווייל זי האט טאקע נישט געזאגט, אבער זי האט געוויזן מיט איר body language, מיט איר act, וואס זי וויל. קיינער האט נישט קיין ספק אין דעם אז דאס הייסט מסכים געווען.

**אמרה לו תנהו לאבי — ווען זי זאגט געב עס פאר מיין טאטע**

אבער וואס איז דא? נאך פעלער. **אמרה לו**, ווייסטו וואס? געב עס פאר דיין טאטע. פארוואס נעמסטו נישט דיין טאטע? אויב דו זוכסט א ווייב, נעם דיין טאטע פאר א ווייב. **או לאביך**, געב עס פאר דיין טאטע. **או לאיש פלוני**, געב עס פאר יענעם. **ונתן אינה מקודשת**, ווייל... ס'איז א וועג פון זאגן, "העלאו, משה, זוך מיך". און אויך איז עס א וועג פון פראטעסטירן.

**ר' יצחק:** דאס הייסט, אויב זי זאגט דירעקט, "דו ווילסט מקדש זיין? הע, אפשר געב עס פאר מיין טאטע."

**ואם אמרה שיקבלנו לי — ווען זי מאכט אים א שליח**

**ר' יואל אשר:** אבער ווען זי האט געזאגט אזוי, און ער האט עס געגעבן פאר די טאטע...

**ר' יצחק:** **ואם אמרה**, ניין,

**ר' יואל אשר:** אויב זי האט געזאגט, "ניין, געב עס פאר מיין טאטע, ער זאל עס מקבל זיין אנשטאט מיר," איז עס א מין שליחות. **ונתן**... אינטערעסאנט, ער האט איר נישט ממנה געווען אויף א שליח.

**ר' יצחק:** ניין, זי האט ממנה געווען.

**ר' יואל אשר:** נאכאמאל. ניין, זי האט ממנה געווען מיטן זאגן פאר דעם מאן, אבער זי האט אויך געזאגט פאר איר טאטע, "איך בין דיר ממנה צו זיין א שליח." מיר האבן דאך פריער געלערנט, מ'דארף זאגן, מ'דארף מאכן פאר א שליח.

**ר' יצחק:** נו, מ'מאכט אים אזוי, א שליח לקבלה.

**ר' יואל אשר:** מ'מוז זאגן פאר דעם מאן? יא, אוודאי. ער ווייסט נישט, ער באקומט, אבער מ'שטעלט צו איין די מעשה אז מ'איז סתם צוגעגאנגען.

**ר' יצחק:** ווער האט געמיינט? דאס איז טייטש **שיקבלנו לי** - דאס איז טייטש, איך מאך אים פאר א שליח.

**ר' יואל אשר:** דער שליח דארף נישט ווייסן אז ער איז א שליח.

**ר' יצחק:** א שליח לקבלה דארף נישט ווייסן. אקעי. ער דארף ווייסן. ניין, דער רמב"ם זאגט, א שליח לקבלה דארף אפילו עדים. ניין. ער דארף... נו, זיי האבן דא עדים. ס'שטייט דאך דא עדים.

**ר' יואל אשר:** דער מאן האט נישט געשטעלט עדים פאר די קידושין.

**ר' יצחק:** ס'שטייט נישט אז די עדים דארפן זען דעם שליח בשעת מעשה.

**ר' יואל אשר:** אקעי, **ונתן הרי זו מקודשת**, ווייל ס'איז געווען א קידושין. ער מיינט נישט ווייל דאס איז די קידושין, ער מיינט דאס צו זאגן אז דאס הייסט יא א לשון פון רצון.

**ר' יצחק:** רייט, דאס איז די חשבון.

### קידושי ספק: סיטואציעס וואו ס'איז נישט קלאר צי די קידושין זענען חל

### הלכה: "הניחהו על הסלע" — אויב זי זאגט ער זאל עס אוועקלייגן אויף א שטיין

**ר' יצחק:** אויב דו זאגסט "גיב עס פאר יענעם" סתם, איז פשט גיב עס אין דער וועלט אריין.

**ר' יואל אשר:** און ער האט טאקע געגעבן.

**ר' יצחק:** ווען דו זאגסט "שיקבלנו לי", און ער האט טאקע געפאלגט. אוודאי האט ער געפאלגט, ער האט דאך נישט געזאגט.

**ר' יואל אשר:** אבער די ווארט איז אז "לפלוני בשבילי" איז דער פשט. הייסט נישט געב עס פאר דעם טאטן, געב עס פאר מיר נאר דורך דעם טאטן.

**ר' יצחק:** ער ברענגט טאקע אז דער חלקת מחוקק טענה'ט אז ווען ער גיבט עס פאר דעם טאטן, דארף ער אים זאגן, "איך גיב עס דיר פאר דיין טאכטער'ס קידושין", ווייל נישט ווייסט ער נישט. ס'שטייט נישט דא קלאר.

**ר' יואל אשר:** דאס איז דאך אז "שיקבלנו לי". אה,

**ר' יצחק:** מ'שטעלט זיך פאר אז

**ר' יואל אשר:** זי האט אים געגעבן געלט,

**ר' יצחק:** "טאטי, יענע געלט, יענע געלט,

**ר' יואל אשר:** איז געווען מיין קידושין". דארף דער טאטע וויסן, ווייל דער שליח דארף וויסן כאילו וואס ער טוט ווען ער טוט די שליחות. איך ווייס נישט,

**ר' יצחק:** איך ווייס נישט, איך ווייס נישט. ס'איז מיר אויך נישט קלאר אז ער דארף אפילו נישט פיקח זיין. זי קען זאגן אז ער קען האבן די געלט אליינס.

**ר' יואל אשר:** נישט קלאר. אבער דא איז די עיקר ווארט אז די לשון איז "שיקבלנו לי" איז א לשון פון רצון,

**ר' יצחק:** א לשון אז זי וויל.

### רמב"ם'ס ווערטער: "הניחהו על הסלע" און "תנהו לכלב"

**ר' יואל אשר:** אמרה לו, וואס טוט זיך אזוי? **"הניחהו על הסלע"** - לייג עס אויף די שטיין, **איז אינה מקודשת**, ווייל ס'איז אזוי ווי אוועקווארפן. אבער **"ואם היה סלע שלה"**, אויב ס'איז איר שטיין, איז פשט אז זי גייט עס קונה זיין דורך דעם וואס מ'לייגט עס אין איר פלאץ.

אזוי ווי **תנהו לעני**, ס'מיינט געב עס פאר יענעם, נישט מיר. און עני איז ערגער,

**ר' יצחק:** אבער די פוינט איז אז די תנהו לעני מיינט צו זאגן נישט קידושין.

**ר' יואל אשר:** **תנהו לכלב אינה מקודשת, ואם היה כלב שלה**, האט ער יא געמיינט צו זאגן אז זי האט א געלט עקספענס, אז זי דארף א גאנצע צייט פיטערן די כלב, און זי געבט איר א מתנה פון געבן די כלב.

**מה שאין כן עני הסמוך עליה**, אפילו זי זארגט זיך פאר יענעם, זי געבט יענעם געלט, אבער ס'איז נישט אזוי ווי לכלב שלה. ס'איז נישטא אזא זאך ווי עני שלה. ס'איז דא מענטשן וואס האבן אזא עני שלה.

**ר' יצחק:** יא, דאס מיינט עס, ס'איז אן עני שלה, אבער ס'איז נאך אלץ... איך מיין אז ס'איז אלץ די עיקר מן ילושין. אויב זי זאגט תנהו לא ותקדש, איז דאך נישט קיין שאלות.

**ר' יואל אשר:** סאו תנהו לכלב, קען מען הערן אז איר כלב איז הנאה פון דעם.

**ר' יצחק:** דאס איז אלץ אביסל טאטע שטירקע מחוזן סיטואציע. מ'דארף וויסן וואס זי מיינט.

### כלב רץ אחריה — ספק קידושין

**ר' יואל אשר:** און די רעקסטע שטיקל זאגט עס נאך מער ווען די טאטע שטיקל זאגט, וואס טוט זיך אז מ'האט דא א כלב, איר כלב און דער כלב לויפט צוליב. **ואמרה לו תנהו לכלב זה**, דעמאלטס פארשטייסטו פון די קאנטעקסט פון די בעקגראונד אז... אה, דאס איז א ספק, ווייל ס'קען אויך מיינען נעגאטיוו. ס'קען מיינען... דער כלב לויפט איר נאך,

**ר' יצחק:** ס'איז נישט גיין דיר צו די הונט, ס'קען מיינען מיט דעם וואס דו ראטעוועסט מיר פון דעם כלב, וועל איך טוסט מיר א טובה. ער טוט איר טאקע א טובה לויט א

**ר' יואל אשר:** כלי דעת כתב אחריה. נאך איר,

**ר' יצחק:** רץ אחריה. רץ אחריה. ער טוט עפעס אויף מיט דעם וואס... וואס... יא, אבער עם כל זה, אפשר מיינט עס ווייטער, א כלב איז נאך א כלב.

בקיצור, ער זאגט אז אפשר מיינט ער צו זאגן, אזוי ברענגט ער פון רש"י, פון רבינו חננאל, אז א יעדער איד איז דאך מחויב צו ראטעווען א צווייטער איד פון א כלב, ס'איז דאך א מצוה, "לא תעמוד על דם רעך". סאו, זי מיינט נישט מיט דיין קידושין, זי מיינט סתם, נו, דו זעסט דאך א הונט לויפט מיר נאך, טו קודם יענע מצוה פאר דו ביסט אויסגעקומען די מצות קידושין.

**ר' יואל אשר:** איך האב זייער מורא, איך האב באקומען ידיעות אז ער האט געשיקט דעם

**ר' יצחק:** הונט צו זיין הונט. די אלע מעשיות רעדט זיך אזוי ווי דו זאגסט געוועגליך אז זי ווייסט, ווייל אויב זי וויל קען זי זיך מארגן געבן נאך א קידושין, ס'איז נישט קיין פראבלעם מיט די גאנצע ספק.

**ר' יואל אשר:** מ'רעדט דא באופן וואס זי איז אוועקגעפארן וכדומה, צו מ'דארף האבן א גט, צו זי איז אן אשת איש, אן אלמנה.

### הלכה: מוכר פירות — "תן לי מעט מאלו"

**ר' יואל אשר:** שוין, וואס טוט זיך אזא פאל? **"היה מוכר פירות או כלים וכיוצא בהן, באת אשה ועמדה ואמרה לו תן לי מעט מאלו"** - געב מיר פון די גוטע פירות. **"ואמר לה"** - און ער זאגט איר, יא, דער מוכר זאגט איר,

**ר' יצחק: "אם אתן ליך תהי מקודשת לי?"**

**ר' יואל אשר:** - אויב איך וועל דיר געבן, וועסטו מיר מקודשת ווערן? **"אם אמרה הין ונתן לה, הרי זו מקודשת"** - ווייל ער האט עס געגעבן על דעת זה, ס'איז דא א מוכר, אן עדים, און זי האט עס מקבל געווען על דעת זה, הרי זו מקודשת.

**"אבל אם אמרה"** - אויב זי האט געענטפערט, **"תן, תן, תן, השלך לי"** - ווארף אריין,

**ר' יצחק: "או תן לי מתן"** - אדער,

**ר' יואל אשר:** געב, געב, געב, אזוי ווי מ'קען עס אפלערנען אפשר אז איינער וואלט געקענט טראכטן "געב" - יא, איך בין מסכים. אבער "געב געב" הייסט נישט מסכים ווערן. אדער זי זאגט "ווארף עס אהער". **"או דברים שענינם לא תשחק עמי בדברים אלו"** - זיי נישט יעצט ביזי מיט שידוכים, יעצט בין איך דא פאר פירות. **תן בלבד, ונתן,**

**ר' יצחק: אינה מקודשת**". און נאכדעם דארף זי נאך צאלן פאר די פירות, אדער ס'איז געווען א פרעזענט?

**ר' יואל אשר:** אה, לכאורה דארף זי נישט צאלן, ווייל אפשר האט ער געהאט דעם... איך ווייס נישט.

**ר' יצחק:** ער האט פארלוירן די געלט. ניין, א מתן מיינט א מתנה. ער האט געגעבן א מתנה, אבער א מתנה איז זייער שיין. זי מיינט, די פוינט איז ווייטער, דאס איז ווייטער די נוסח. ס'איז דא איינער וואס זאגט, נו וואס, איך האב מקדש געווען? יא, שוין, איך האב שוין געטראכט פון דיר, נא פראבלעם.

דאס איז א מקדש בשוק, ניין? דאס איז ליטערעלי בשוק, דעם דארף מען געבן מלקות. אבער אויב זי זאגט, יא, ווייסטו וואס? גיב א מתנה. בקיצור, האק דיך אין קאפ אריין מיט דיין קידושין.

**הלכה: שותה ביין — דער זעלבער דין מיט ווייִן**

**ר' יואל אשר:** זייער גוט. **"וכן אם היה שותה ביין"** - ער איז שותה יין, ער טרינקט ווייִן. **"ואמרה לו"** - זי ווערט דזשעלעס, זי זאגט "געב מיר אויך א כוס ווייִן". **"ואמר לה אם אתן לך הרי את מקודשת בו, ואמרה לו השקני השקות"** - געב, יא. **"או תן השקה השלך, אינה מקודשת"** - ווייל זי האט נישט געזאגט "השקני און מיט דעם ווער איך מקודשת". **"אינה מקודשת, שאין הדברים מראין אלא השקני בלבד ואל תשחק עמי בדבר אחר"**. געב מיר צו טרינקען,

**ר' יצחק:** **"אל תשחק עמי בדבר זה"**. דאס מיינט, דאס איז פארקערט. דאס איז אלץ די סיטואציעס, א דזשאדזשמענט אויף די סיטואציעס. שטייט א מענטש, ער טרינקט, נו, געב מיר א קאפ. "הרי את מקודשת לי", געב מיר שוין די קאפ. בקיצור, נישט מקודש. שטימט? יא. און די זעלבע זאך, אויב ער זאגט "הן", דעמאלטס האט עס די זעלבע דין, רייט? דאס איז די חידוש, די נקודה. איז דאס איז אלץ די ענינים פון צו מ'ווייסט אז ס'איז מקודש.

יעצט קען מען עס לערנען אביסל וועגן עדים,

**הלכה ד: המקדש בעד אחד — עדות ביי קידושין**

**ר' יואל אשר:** יא? זאגט דער רמב"ם,

**ר' יצחק:** דא גייט דער רמב"ם פארנער זאגן וואס איז די דין פון קידושי ספק. אפשר דא איז די ענד פון די אלע הדחות.

**ר' יואל אשר:** סאו אונז האבן געלערנט שוין אז מ'דארף האבן עדים, גייט עס דער רמב"ם זאגן אביסל מער וועגן דעם. **"המקדש בעד אחד"** — אסאך מאל איז דא אז עד אחד איז אויך אזוי שטארק ווי צוויי עדים, אבער ביי קידושין נישט. **"המקדש בעד אחד אין חוששין לקידושיו, אף על פי ששניהם מודים"** — אפילו זיי זענען ביידע מודה, ס'איז נישט קיין ספק. אבער עדים פעלט נישט אויס צו... דער ענין פון עדים איז נישט וועגן מ'האט מורא איינער וועט נישט מודה זיין, נאר עדים איז א דין אין די קידושין.

**ר' יצחק:** אויף דעם איז דא חקירות אז אפשר האלטסטו מיט "חב לאחריני". ס'איז דא אזא תורה, געדענקסט, וויאזוי האט אדם נישט מקדש געווען חוה? ס'איז נישט געווען "חב לאחריני", יא. ס'איז דא וואס טענה'ן אז איינע פון די פראבלעמען איז אז ס'איז נישט געווען קיין עדים.

סאו איך טענה'ן אז מ'דארף בכלל נישט קיין קידושין, ווייל קידושין מיינט מייחד זיין איינער מיט די אנדערע,

**ר' יואל אשר:** "אסור לכל אדם", ס'איז נישט דא קיין "כל אדם".

**ר' יצחק:** אבער ס'קען זיין אנדערע זאגן אז מ'דארף נישט קיין עדים, ווייל ס'איז דאך נישטא קיין "חב לאחריני". אקעי, דאס איז סתם פורים תורות.

**הלכה: פסולי עדות — של תורה, של דברי סופרים, ספק פסולי תורה**

**ר' יואל אשר:** אקעי. זאגט דער רמב"ם, **"קל וחומר למקדש בלא עדים"** — אינגאנצן אן קיין עדים איז **"אין חוששין לקידושיו"**.

יעצט, ווער איז כשר? אויב איינער איז מקדש **"בפסולי עדות של תורה"** — ס'איז דאך דא ערגעץ וואו הלכות עדות, יא? וואו אין הלכות עדות, רייט? חושן משפט אין ספר קנין אדער...

**ר' יצחק:** דער רמב"ם, אוודאי, אין הלכות עדות.

**ר' יואל אשר:** ס'איז דא הלכות עדות. איינער וואס איז פסול מן התורה פאר עדות — איינער

**ר' יצחק:** האט שוין געהאט אביסל וועגן דעם אין הלכות קידוש החודש אויב דו געדענקסט. פסולי עדות מן התורה, פסולי עדות פון רבנן.

**ר' יואל אשר:** וואס טוט זיך **"בפסולי עדות של דברי סופרים"**? פסולי עדות פון דברי סופרים, זאכן וואס די חכמים האבן מתקן געווען אז יעדער זאל אויך זיין פסולי עדות. **"או בעדים שהן ספק פסולי תורה"** — ס'איז א ספק צו זיי זענען בגדר ספק פסולי עדות מן התורה. איז אזוי, **אם רצה לכנוס**, אויב וויל ער טאקע קונה זיין, ער וויל חתונה האבן מיט איר, און יעצט איז דא א פראבלעם, איינער האט ארויפגעברענגט אן אישו אז די עדים זענען אפשר נישט געווען כשר, זאל ער מאכן שנעל, **חוזר ומקדש בכשרים**, זאל ער נעמען כשר'ע עדים.

**ואם לא רצה לכנוס**, וואס איז יעצט די זאך? ער איז סטאק אין א ספק, ווייל עדים וואס זענען ספק פסולי תורה, און די זעלבע זאך פסולי עדות של דברי סופרים. ס'איז דא אין צייטן, פארוואס פסולי עדות של דברי סופרים הייסט א ספק ווייס איך נישט. מיר האבן פריער געהאט זאכן וואס ס'טויג נישט מדברי חכמים.

גוט קועסטשן. אה, אפשר איז דאס ווייל ס'איז נישטא קיין נפקא מינה מדרבנן לקידושין מיניה. ווען ס'איז נישט כשר מדרבנן, דארף זיין א נפקא מינה מדרבנן לקידושין מיניה. אבער סתם ווען ס'איז נישט כשר מדרבנן, און ווען א תורה איז יא כשר, דארף מען חושש זיין לחומרא. דארף מען א גט מספק.

**דיסקוסיע: פארוואס איז פסולי עדות של דברי סופרים א ספק?**

**ר' יצחק:** אין עני מי. פארוואס זאל זיין מספק? זאל זיין מדרבנן. וואס איז שייך מספק? וועלכע ספק?

**ר' יואל אשר:** ניין, ווען א תורה איז עס יא כשר, נאר ווען מיט דרבנן איז עס נישט כשר.

**ר' יצחק:** סאו וואו איז דא אזא זאך? עס איז נישט, עס איז כשר. עס איז כשר מדאורייתא,

**ר' יואל אשר:** און פסול מדרבנן.

**ר' יצחק:** ס'איז כקידושי ספק. אזוי ברענגט דער מגן נשמה, ער זאגט אז ס'איז כקידושי ספק.

**ר' יואל אשר:** חכמים האבן מתקן געווען אזא זאך. ס'איז א גט מדרבנן בעיסיקלי. ס'איז אויך אזוי, ספק פסולי תורה איז גט מספק, און של דברי סופרים איז גט מדרבנן. בעצם ביידע, ווייל פסולי תורה איז דאך אויך נאר א חיוב פון דרבנן לויט די רמב"ם. ביידע איז נאר מדרבנן דארף א גט. ספק פסולי תורה, די ספקא דאורייתא לחומרא איז א דרבנן. סאו בעיסיקלי צריכה ממנו גט מדרבנן קען מען עס אנרופן.

לויט די וואס לערנען אז ספק איז אנדערש ווי דברי סופרים, טאקע איז שווערער דא אביסל, אבער לויט די רמב"ם שטימט עס.

**ר' יצחק:** ס'איז דא א גרויסע מחלוקת וואס איז די טייטש פסולים מדאורייתא, פסולים מדרבנן, אבער על כל פנים,

**ר' יואל אשר:** אזוי שטייט אין לשון קידושי ספק.

**ר' יצחק:** פארוואס הייסט א קידושי ספק? ס'איז חושש. אפשר איז דא אזוי ווי א ספק להלכה.

**ר' יואל אשר:** צו מ'פסק'נט טאקע אזוי, צו ס'איז טאקע אזוי הארב אדער וואס?

**ר' יצחק:** ס'קען נישט זיין א ספק להלכה.

**ר' יואל אשר:** קען נישט זיין.

**קידושי ספק, קידושי קטנה, וקידושי חרש — הלכות אישות פרק ד'**

**הלכה ז' (המשך) — הכחשת האשה בקידושי ספק**

**ר' יואל אשר:** לויט די וואס לערנען אז ספק איז אנדערש ווי דברי סופרים, איז טאקע שווערער דא אביסל, אבער לויט די רמב"ם שטימט עס.

**ר' יצחק:** ס'איז דא א גרויסע מחלוקה וואס איז די טייטש פסולי מדרבנן, אבער על כל פנים,

**ר' יואל אשר:** אזוי שטייט אין לשון "קידושי ספק".

**ר' יצחק:** דאס איז מסביר קלאר פארוואס הייסט עס קידושי ספק, מ'איז חושש. אפשר איז דא אזוויוו א ספק להלכה,

**ר' יואל אשר:** צו מ'פסק'נט טאקע אזוי, צו ס'איז טאקע אזוי הארב.

**ר' יצחק:** אדער וואס. ס'קען זיין א ספק להלכה.

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, **"ואפילו כפרה האשה והכחישה את העדים ואמרה לא קידשתני"**, העלפט נישט. **"כופין אותה ליקח הגט"**.

**ר' יצחק:** וואס איז די הכחשה? זאגט ער, נישט נוגע. אויב זיי זענען כשר'ע עדים,

**ר' יואל אשר:** און מ'רעדט דאך אויף די צד אז זיי זענען כשר'ע עדים,

**ר' יצחק:** דארף מען חושש זיין. אה, דאס איז די ווארט. אה,

**"וכן דין כל קידושי ספק" — לחומרא בײדע וועגן**

**ר' יואל אשר:** גוט. **"וכן דין כל קידושי ספק"**. ער האט שוין אויסגערעכנט אפאר מאל א זאך ווען ס'איז א ספק, ווען ס'איז א ספק וואס ער האט געמיינט מיט זיינע ווערטער.

**ר' יצחק:** איז אלעמאל די זעלבע זאך.

**ר' יואל אשר:** ס'איז אייביג, **"אם רצה לכנוס חוזר ומקדש ודאי"**. מ'גייט לחומרא בײדע וועגן. **"ואם לא רצה צריכה ממנו גט מספק"**.

**ר' יצחק:** יא, מ'דארף דאס פארשטיין אביסל, ווייל "אם רצה לכנוס", איך מיין, פארוואס דארף ער נאך א קידושין?

**ר' יואל אשר:** ווייל ס'איז דאך א ספק צו ער האט געטון די מצוה פון קידושין, צו די מצוה פון קידושין איז געווען גוט, צו ער האט שוין קונה געווען. וואס איז די פראבלעם? די גאנצע טייטש איז אינטערעסאנט.

**ר' יצחק:** ווייל ס'איז א איסור? ווייל ס'איז א חיוב?

**ר' יואל אשר:** ניין, ווייל ער האט נישט געמאכט קידושין. ער דארף אנהייבן די לעבן מיט א ווייב מיט קידושין, און ער האט נאך נישט געמאכט קידושין, נאר מספק. לחומרא, מ'נעמט אן בײדע וועגן לחומרא. "צריכה ממנו גט" אויך נאר מספק, פאר די זעלבע סיבה.

**ר' יצחק:** איך הער וואס דו זאגסט.

**ר' יואל אשר:** שוין.

**ר' יצחק:** עפעס האט זיך מיר געדאכט אז איך האב א קשיא אויף דעם, באט זעט אויס אז ס'שטימט.

**ר' יואל אשר:** די קשיא איז פארענטפערט געווארן. אקעי. יא?

**הלכה ח' — קידושי קטנה יתומה (אדער שיצאה מרשות אב)**

**ר' יואל אשר:** פשוט'ע קידושין.

**ר' יצחק:** שוין, מיר האבן געלערנט פריער אז קידושין דארף זיין... זיי האבן נישט געלערנט געהעריג. יעצט לערנען זיי. זיי האבן געלערנט אז מ'קען מקדש זיין א גדולה, א קטנה. בקיצור, יעדע זאך קען נאר א גדול טון געוועגליך. זאגט דער רמב"ם,

**ר' יואל אשר:** **"קטן שקידש אין קידושיו קידושין"**, ער האט גארנישט געטון. אבער וואס טוט זיך אזא פאל? און אויך האבן מיר שוין געלערנט אז מ'האט מקדש געווען א קטנה, העלפט עס נישט, מ'דארף עס געבן פאר די טאטע דווקא. אבער וואס טוט זיך אזא פאל? א קטנה וואס איז מער א קאמפליקירטע קטנה. לאמיר זען, **"גדול שקידש את הקטנה היתומה"**. א קטנה וואס האט נישט א טאטע, סאו ס'איז נישטא דער טאטע וועמען ס'צו געבן. אדער **"קטנה שיצאה מרשות אב"**. אדער א קטנה וואס האט בחצפה'דיג געגאנגען און חתונה געהאט, א פעיק חתונה, און יענער איז געשטארבן, און זי איז ארויס מרשות אב.

**ר' יצחק:** איין מינוט, אן עכטע חתונה,

**ר' יואל אשר:** פארוואס א פעיק וואן? ניין, זי האט נישט געקענט, די חתונה איז נישט געווען קיין קידושין.

**ר' יצחק:** ניין, ניין, ניין,

**ר' יואל אשר:** ווארט יעצט. אה, ס'איז געווען על דעת דער טאטע, אנטשולדיגט. דער טאטע האט מקבל געווען קידושין פאר איר. אמרו חכמים אז זי איז ארויס מרשות אב. יא,

**ר' יצחק:** אמרו חכמים אז זי איז ארויס מרשות אב.

**דריי לעוועלס — אונטער זעקס, איבער צען, און צווישן**

**ר' יואל אשר:** און יעצט איז זי ארויס מרשות אב. איז זי א מאדנע בריאה אזא, זי איז טאקע א קטנה, אבער פון די אנדערע זייט איז נישטא א טאטע וואס זאל זיין איבער איר, זי האט עפעס רשות אויף זיך. איז אזוי, **"אם היתה פחותה מבת שש"**, מ'גייט אינגאנצן נאך עידזש, זאגט דער רמב"ם, זאלסט נישט מיינען אז מ'גייט נאך שכל.

**ר' יצחק:** אזוי ווי לגבי למשל מצות חינוך, אלע מצוות.

**ר' יואל אשר:** אויב זי איז ווייניגער פון זעקס,

**ר' יצחק:** ס'איז דא דריי לעוועלס.

**ר' יואל אשר:** **"אף על פי שהיא נבונת לחש ביותר"**, אפילו זי איז שוין אזא לעוועל, זי קען שוין לערנען קבלה, זי איז א קלוגע, **"ומכרת ומבחנת"**, אלעס איז זייער גוט, **"אין כאן שם קידושין ואינה צריכה למאן"**, ווייל אונטער זעקס הייסט ממש נישט קיין קידושין. אפילו די ביאה הייסט א ביאה, האט עס נישט קיין קידושין.

**ר' יצחק:** יעצט,

**ר' יואל אשר:** **"ואם היתה מבת עשר ומעלה"**, אויב זי איז פון צען און העכער, **"אף על פי שהיא סכלה ביותר"**, אפילו זי איז זייער א נארישע מיידל, און חכמה ווייז זי איז נאך יונגער ווי דעם, אבער **"הואיל ונתקדשה לדעתה"**, למעשה האט זי עפעס דעת ווייל זי איז שוין צען, **"הרי זו מקודשת למיאון"**, איז זי מקודשת אזויפיל אז ס'הייסט אזוויי מקודשת מדרבנן, און ס'וועט זיין נוגע די דין מיאון, וואס דער רמב"ם גייט שוין מסביר זיין וואס מיאון איז. זי איז מקודשת, און זי גייט טאקע נישט דארפן א גט.

**ר' יצחק:** סאו ווייניגער ווי זעקס, זיכער נישט. מער ווי צען,

**ר' יואל אשר:** זיכער יא. זיכער יא,

**ר' יצחק:** עפעס אזא דרבנן'דיגע קדושה. צווישן זעקס און צען,

**ר' יואל אשר:** דעמאלטס טשעקט מען. **"בודקין את יופי דעתה"**, טשעקט מען ווי שיין איר שכל איז.

**ר' יצחק:** יופי מיינט שיין,

**ר' יואל אשר:** אזוווי... און מבחנת איז אזוי, אויב ווייסט זי, **מבחנת ומכירה עסקי הנישואין והקידושין**, זי פארשטייט וואס זי טוט, זי ווייסט וואס נישואין און קידושין זענען, דעמאלטס זאגן מיר אז ס'הייסט מקודשת מן התורה, איך מיין מדרבנן, אנטשולדיגט, הייסט עס א קידושין, א מדרבנן'דיגע קידושין, צריכה למאן עדיין, **ואם לאו**, אויב זי פארשטייט נישט וואס גייט פאר, זי איז יונג און אויך נאריש, **אינה מתקדשת למיאון**. ווער ס'איז נישט מקודשת לענין מיאון, למעשה דארף זי גארנישט, זי קען אוועקוואקן,

**ר' יצחק:** ס'האט נישט געהייסן קיין קידושין.

**וואס איז מיאון?**

**ר' יואל אשר:** יעצט גייט דער רמב"ם זאגן, וואס מיינט דאס מיאון? דער רמב"ם האט נאך נישט געזאגט. אה, ס'איז אינטערעסאנט, פריער ווען דער רמב"ם האט אויסגערעכנט די קאטעגאריעס, האט ער נישט אויסגערעכנט די קאטעגאריע פון מיאון.

**ר' יצחק:** יא, אבער דאס איז געווען...

**ר' יואל אשר:** ס'שטייט נישט אזוי פיל מאל. און ס'איז נאר א זאך וואס איז נוגע ביי א פאל ווען מ'איז מקדש מדרבנן. זאגט דער רמב"ם אזוי: ווען מ'זאגט אז איינער איז מקודשת נאר מדרבנן, מיינט עס אז מ'דארף נישט א גט, נאר וואס יא? מיאון. וואס איז דאס מיאון? זאגט דער רמב"ם אזוי: **כיצד מתקדשת למיאון?** זאגט דער רמב"ם אזוי: **שאם נתקדשה**, זי איז געווארן נתקדש, **ולא רצת לישב עם בעלה**, נאכדעם, די קטנה וואס האט באקומען קידושין, וויל נישט בלייבן וואוינען מיט די מאן, **צריכה למאן**, זי דארף ממאן זיין **בפני שנים**. מיאון איז א לשון פון... רעפיוזעל, זייער גוט,

פון נישט מסכים זיין, מתנגד זיין. און זי דארף זאגן אזוי: **איני רוצה בו** — איך וויל אים נישט. **ויוצא בלא גט,** זי קען ארויסגיין אן א גט, **כמו שיתבאר בהלכות גירושין.** אז ס'איז דא אזא זאך וואס הייסט מיאון. **וזו היא הנקראת ממאנת.** זי דארף נישט האבן א גט.

**ר' יצחק:** אה, דאס איז יא א טרענסלעישאן מיט מיין ווארט, זעסט? הדא דכתיב ממאנת. לייג צו די איינס און צוואנציגסטע ווארט.

**ר' יואל אשר:** זייער גוט. דאס איז א פארעם פון גירושין, אזוי ווי ווען ס'איז א קידושין דרבנן, איז דאס אזוי ווי די גט.

**ר' יצחק:** במקום גירושין קומט דאס.

**פארוואס יוצאה בלא גט? — ווייל די קידושין זענען תלויין**

**ר' יואל אשר: ולמה יוצאה בלא גט?** זאגט דער רמב"ם, **מפני שאין קידושיה קידושין גמורין מן התורה, אלא קידושי קטנה זו מדברי סופרים.** ס'איז קידושין מדברי סופרים. ממילא **והן תלויין,** איז עס תלוים ועומדים,

**ר' יצחק:** נישט קלאר. קיצור, די רבנן קענען מאכן אזא סיטואציע.

**ר' יואל אשר: שאם ישבה עם בעלה עד שגדלה,** אויב בלייבט זי מיט די מאן ביז זי ווערט גרויס, דעמאלטס **גמרו קידושיה,** שטעלט זיך ארויס אז די קידושין פון דעמאלטס האט זיך יעצט געענדיגט, **ונעשת אשת איש גמורה. ואינו צריך לחזור ולקדשה אחר שגדלה,** ווייל דעמאלטס שטעלט זיך ארויס אז די קידושין איז גוט למפרע.

**ר' יצחק:** די קידושין דרבנן קענען מאכן אזא סארט זאך, אז ס'ווערט עכטע קידושין. איי, די גאנצע זאך איז לכתחילה מדרבנן? ווען ס'וואלט אמת'דיג נישט געארבעט וואלט עס נישט געקענט ארבעטן. ס'קען יא ארבעטן.

**ר' יואל אשר:** חכמים האבן עס געמאכט פאר קידושין. כח חכמים איז דא.

**ר' יצחק:** אבער **ואם לא רצת,** איז מצד אחד צריכה למאן. ס'קען נישט סתם, זי דארף מודיע זיין. שטעלן צוויי עדים און זאגן "איך וויל נישט",

**ר' יואל אשר: ותצא בלא גט.**

**דיסקוסיע: פארוואס מאכן חכמים מיאון ביי יתומה, אבער זיי זענען קעגן קידושי קטנה?**

**ר' יצחק:** אן אינטערעסאנטע, זייער א קלוגע זאך וואס די חכמים האבן געמאכט. פארוואס מאכן זיי נישט ביי דער טאטע מקדש אויך דאס? ווייל דער טאטע קען מדאורייתא, קען זיי נישט שטיין. אבער ווען די מאמע מאכט, ווען זי מאכט,

**ר' יואל אשר:** קען עס זיין. איך געדענק אז די גמרא זאגט אז איינער זאל וועלן חתונה האבן מיט אזא אומגליקליכע יתומה וואס האט נישט קיינעם, האבן די חכמים מתקן געווען אז ס'זאל זיין א וועג פון יא מסדר זיין.

**ר' יצחק:** מצד שני, אז זי זאל נישט פארלירן,

**ר' יואל אשר:** עפעס אזוי. יא. מיר ווילן דאך דעתה. דאס הייסט, ווען ס'איז דא דער טאטע, האבן מיר אונז די דעת פון דער טאטע, וואס דאס איז אזוי ווי איר דעת. אונז גייען מיר פאר איינער,

**ר' יצחק:** דער טאטע זארגט זיך פאר איר. דער טאטע איז א גוטער טאטע. פרעג איך א שאלה, די זעלבע חכמים וואס האבן געמאכט מיאון האבן אויך געזאגט אז מ'זאל נישט מקדש זיין קליינע מיידלעך.

**ר' יואל אשר:** יא, אבער די חכמים האבן נישט ארויסגענומען פון אים... די חכמים וואלטן געקענט זאגן, די חכמים האבן מפקיע געווען די רשות פון די טאטעס מדאורייתא, וואס זיי האבן געמאכט א נייע תקנה אזוויוו די תקנה. זיי האבן עס נישט געזאגט, זיי זאגן נאך ווייטער אז מן התורה איז מען מקודש. זיי זאגן מ'זאל עס נישט טון, זיי לאזן איבער פאר די טאטע, אויב ס'איז דא עפעס א היכי תמצא פארוואס די טאטע דארף עס טון, אפשר וועט די טאטע מעגן אפילו מדרבנן.

**ר' יצחק:** פרעג איך א שאלה, די חכמים האבן נישט ליב די אידעע פון קידושי קטנה, אזוי זע איך פון י"א. וויאזוי קען זיין? יעצט איז דא א קטנה וואס אפילו די תורה לאזט נישט, ווייל זי איז סטאק, זי איז אין לה אביה, זי איז א יתומה, זי איז א גרושה מן הנישואין. זאגן די חכמים, "אה, יופי, ברוך השם, ס'איז דא קידושין". אבער אפילו דעמאלטס, דעמאלטס זאגן די חכמים, "ניין, אונז דארפן מאכן מיאון". דו כאפסט אז ס'שטימט נישט די צוויי זאכן? מ'דארף דאך א תירוץ. אפשר איז נישט די זעלבע חכמים געמאכט די צוויי זאכן? אנדערע דורות וואס מ'האט מתקן געווען די צוויי אנדערע תקנות. פארשטייסט מיין שאלה, רייט? אדער אזויווי דו זאגסט, אז אמאל פעלט יא אויס,

**ר' יואל אשר:** זעט אויס זיי לאזן עס אפן. ביי די יתומה שטייט אזוי,

**ר' יצחק:** אז איינער זאל איר פראטעקטן,

**ר' יואל אשר:** אז זי זאל נישט ווערן הפקר, יא.

**ר' יצחק:** ס'שטייט נישט דא, איך זאג דיר, ס'שטייט ביי אן אנדערע זאך, ביי די חרשת שטייט עס אין די רמב"ם.

**הלכה ט׳ — קידושי חרש וחרשת**

**ר' יצחק:** אקעי, דא איז דא נאך א קידושין מדרבנן בעצם, די נעקסטע הלכה,

**ר' יואל אשר:** הלכה ט', יא? זאגט דער רמב"ם, **חרש שנשא פיקחת. חרש שנשא פיקחת וכן חרשת שנישאת לפיקח, אין קידושיהן גמורין מן התורה אלא מדברי סופרים.** איז אויך אזוי ווי דער פריערדיגער פאל, אז ס'איז נאר קידושין מדרבנן. די רבנן האבן מתקן געווען קידושין. אזוי ווי דו האסט געזאגט, דאס איז א תקנה צו העלפן חרשים און חרשות. **לפיכך אם בא פיקח**

**ר' יצחק: וקידש אשת חרש הפיקחת,**

**אם בא פיקח וקידש אשת חרש הפיקחת**

**ר' יואל אשר: הרי זו מקודשת לשני קידושין גמורין.** ווייל אויב איינער געבט קידושין פאר אן אשת איש געווענליך, העלפט עס נישט. מ'רעדט דא אזא פאל, א חרש האט גענומען א פיקחת, און די פיקחת איז יעצט מדרבנן אונטערגעווארפן אונטער דעם חרש. ס'איז א "פעיק" קידושין, א קידושין מדברי סופרים. סאו אויב קומט יעצט א געזונטער מענטש וואס קען מן התורה מקדש זיין, און זי איז אויך אן אשה וואס קען מן התורה מתקדשת ווערן, און ער געבט איר קידושין, איז עס נישט אזוי ווי אן אשת איש וואס די קידושין איז נישט תופס. די קידושין איז תופס, ווייל זיי זענען צוויי מענטשן וואס מן התורה האבן זיי די רעכט און זיי קענען מקדש זיין אדער נתקדש ווערן. ממילא איז זי **נתקדשת לשני קידושין גמורין, ונותן גט.** ער דארף געבן א גט.

**ר' יצחק:** ווער דארף געבן א גט? דער צווייטער.

**ר' יואל אשר:** דער צווייטער דארף געבן א גט.

**ר' יצחק:** ווייל די רבנן האבן געזאגט אז דער ערשטער איז מקודש. זיי זאגן פאר די צווייטע צו געבן א גט, **והיא מותרת לבעלה החרש.** דער ערשטער,

**ר' יואל אשר:** בלייבט זי מיט אים.

**ר' יצחק:** זייער אן אינטערעסאנטע הלכה.

**ר' יואל אשר:** די חכמים לאזן נישט אז א צווייטער זאל איר צוכאפן, ווייל די חכמים האבן

**ר' יצחק:** עס יא געגעבן א נאמען ווי קידושין.

**ר' יואל אשר:** אבער נישט אזוי ווי אן אשת איש וואס מ'זאגט וואס דו האסט געטון איז אירעלעוועגט, זי בלייבט דעם מאן. זי דארף מאכן א גט, יא. דאס איז ווען א פיקח האט מקדש געווען אשת חרש.

**ר' יצחק:** דאס איז אלעס ביי חרשים. חרשים זענען נישט אינגאנצן משוגע.

**שוטה — אין כאן קידושין כלל**

**ר' יואל אשר:** מ'קען לעבן מיט די רבנן. אבער **שוטה שקידש פיקחת או פיקח שקידש שוטה, אין כאן קידושין כלל.** די חכמים האבן נישט מתקן

געוואן קיין קידושין פאר א שוטה, פאר א מאן אדער א פרוי א שוטה. ממילא איז נישט קיין קידושין, **לא מדברי תורה ולא מדברי סופרים.**

**קידושין ביי שוטה, סריס, אילונית, טומטום ואנדרוגינוס; קידושי נדה; קידושי אשת איש בפני בעלה; קידושין ביי שניות ואיסורי לאוין**

**קידושין ביי א שוטה**

**ר' יצחק:** א קטן, למשל, פאר א קטן האבן די חכמים יא מתקן געווען. פארוואס? ווייל א קטן וועט אויפוואקסן און ער וועט חתונה האבן. א קטנה פעלט אויס, אמאל האבן זיי געמאכט. א חרש אויכעט, אויב זי האט חתונה וועט זי בלייבן. אבער א שוטה, זאגט די גמרא, "אין אדם דר עם נחש בכפיפה". מ'קען נישט וואוינען מיט א שלאנג אין א באסקעט. כפיפה מיינט א באסקעט.

**ר' יואל אשר:** ווי "כפיפה מצרית". סאו ס'גייט נישט זיין קיין אויפטו פאר קיינעם.

**ר' יצחק:** א שוטה איז דאך משלח את חזירתו, ס'איז דאך נישט שייך, סאו לאז. מ'מאכט נישט קיין קידושין פאר א שוטה.

**ר' יואל אשר:** פרובירן צו העלפן א שוטה וועט בעקפייערן.

**קידושין ביי סריס, אילונית, טומטום ואנדרוגינוס**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, וואס טוט זיך מיט א סריס? אונז האבן שוין געלערנט אז א סריס איז איינער וואס האט נישט באקומען סימני גדלות, אבער ער איז נאך אלץ א human being, ער איז א בעל דעת, ער קען טון קנינים, ער האט נישט א דין גדול.

**ר' יצחק:** אה, יא, ניין, מ'רעדט פון א סריס וואס איז שוין א דין גדול נאך די —

**ר' יואל אשר:** צוואנציגער אדער פון איבער דרייסיג. בין סריס חמה בין סריס אדם, ווי דער רמב"ם האט פריער מסביר געווען צו ס'איז דורך א מחלה צו איינער האט געטון אזוי. אדער א פרוי ווערסיע פון א סריס איז אן אילונית, א פרוי וואס איז קיינמאל נישט געווארן fully developed און זי קען נישט האבן קיין קינדער. **איז הרי אלו קידושין גמורין.** מ'רעדט דאך באופן ווען ער ווייסט אז זי איז אן אילונית, ס'איז נישטא קיין מקח טעות.

וואס טוט זיך מיט א טומטום ואנדרוגינוס? איז דאך א פראבלעם, ווייל מ'ווייסט נישט צו זיי קענען מקדש זיין צו זיי קענען נתקדש ווערן. איז ביידע פעלער, צו דער טומטום האט געאקט ווי אן איש אדער ווי אן אשה, אדער אן אנדרוגינוס, **איז עס קידושי ספק.** ווייל אויף די צד אז אויב ער האט איר מקדש געווען—

**ר' יצחק:** קען דאך זיין אז ער איז א פרוי און ער קען נישט מקדש זיין. אויב זי איז נתקדש געווארן, קען זיין אז זי איז א מאן און זי קען נישט נתקדש ווערן.

**ר' יואל אשר: איז הרי אלו קידושי ספק וצריכין גט מספק.**

**קידושין ביי עריות — די הלכה פון קידושי נדה**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם אזוי: וואס טוט זיך? **"המקדש אחת מן העריות", איינער איז מקדש א פרוי וואס איז אן ערוה. "לא עשה כלום",** ס'איז נישט תופס קידושין אויף אן ערוה. וואס איז איין קידושין איז תופס אין ערוה? זאגט דער רמב"ם, **"חוץ מן הנידה".** קידושין איז נישט תופס אויף אן ערוה. זאגט דער רמב"ם, איינע פון די עריות איז אויך א נדה, א מענטש'ס אייגענע ווייב וואס איז א נדה, אדער סתם אזא אשה נדה, וואס איז אויך פון די עריות, אבער ס'איז אן אנדערע הלכה אז א נדה איז נישט קיין איסור וואס בלייבט אויף אייביג, ממילא קידושין תופסין. ס'טייטש, אין הכי נמי, יעצט איז זי א נדה, אבער ס'איז דאך עפעס וואס ווערט געטוישט, מה שאין כן אנדערע עריות. **איז "המקדש את הנידה הרי זו מקודשת קידושין גמורין". אבער זאגט דער רמב"ם, "ואין ראוי לעשות כן",** ס'איז נישט ראוי צו מקדש זיין א נדה.

**דיסקוסיע: וואס איז דער פשט פון "ואין ראוי לעשות כן"?**

**ר' יצחק:** וואס איז פשט? פארוואס איז די פשט אז וואס?

**ר' יואל אשר:** "ואין ראוי לעשות כן".

**ר' יצחק:** אה—

**ר' יואל אשר:** ווייל ס'איז דאך דא א שאלה פון יחוד?

**ר' יצחק:** דאס הייסט קידושין שאינן מסורין לביאה. און דער רמב"ם האלט אז ס'איז נישט ראוי צו מקדש זיין א נדה. הגם די קידושין איז תופס, אבער מ'זאל נישט.

**ר' יואל אשר:** פארוואס מ'זאל נישט? ס'איז א פראבלעם אין די קידושין, אדער עפעס א סתם זייטיגע פראבלעם אז מ'גייט נכשל ווערן אין איסור נדה?

**ר' יצחק:** ווייל ס'איז נישט ראוי לביאה. ניין, ניין, ניין, ס'איז דא א מחלוקת אין די גמרא צו ס'ארבעט, רייט?

**ר' יואל אשר:** אהא. סא דער רמב"ם זאגט, לכתחילה זאל מען מחמיר זיין אזוי ווי...

**ר' יצחק:** איך געדענק. וואס שטייט דא אין די זייט? "ואין ראוי לעשות כן" – שאין ראויה לביאה. דער רמב"ם זאגט אז ס'איז נישט אינגאנצן גומר די קידושין, עפעס אזוי. די קידושין ארבעט נאר ווען זי ווערט טהור, ממילא איז עפעס נישט קלאר.

**ר' יואל אשר:** דער רמב"ם זאגט מ'זאל מחמיר זיין אין די דין פון קידושין שאין ראווין לביאה. ס'איז דא אנדערע הלכות וועגן וויאזוי ער זאל זיך נזהר זיין פון נדה, יחוד. אבער דא איז אן עקסטערע זאך אז די קידושין אליין, מיט די קידושין אליין איז נישט קיין גוטע זאך.

**ר' יצחק:** יא.

**ר' יואל אשר:** עפעס אזוי. אזוי זעט דא אויס. ס'טייטש, ס'איז נישט קיין דין אין הלכות נדה, דאס איז א דין אין הלכות קידושין. ס'איז נישט אזא גוטע קידושין.

**ר' יצחק:** ס'ארבעט, ס'איז נישט דא דער דין, ס'איז נישט קיין ערוה וואס קידושין איז נישט תופס. אבער—

**ר' יואל אשר:** "ואין ראוי לעשות כן". דאס איז א ראיה לכאורה אז מ'האט נאר געקענט קובע זיין א חתונה ממש א פראבלעם פאר דעם.

**ר' יצחק:** ניין, קידושין איז נישט די זעלבע זאך ווי חופה. נאכאמאל, חופת נדה האלט דער רמב"ם שפעטער נאך אין פרק י"ד אז ס'ארבעט בכלל נישט. חופת נדה דאזנט ווארק. די שאלה איז קידושי נדה. קידושין וואס מ'קען נישט מאכן קיין חופה, האלט דער רמב"ם אז ס'ארבעט, אבער ס'איז נישט לכתחילה. דאס איז דער טייטש. פארוואס? איך ווייס נישט, דער ראב"ד טענה'ט נישט אויף דעם. ער איז נישט מסביר. ס'שטייט נישט דא קלאר פארוואס נישט. אבער אזוי איז די... "ואין ראוי לעשות כן"? ער זאגט נישט. ער ברענגט יא אז דער מגיד משנה זאל זאגן אז אפשר וועט ער איר אנרירן. איי, אן ערווה וועט ער אויך נישט אנרירן? נישט אזא גרויסע איסור. א נדה איז אן איסור דאורייתא.

**ר' יואל אשר:** איך מיין, די ערווה איז דאך אויך אויב זי האט זיך נישט מטהר געווען לנדתה.

**ר' יצחק:** מ'רעדט דאך א נארמאלע פרוי וואס גייט אין מקוה, נישט פאני היינטיגע פרויען וואס גייען קיינמאל נישט אין מקוה, דא ווי מ'דארף. אקעי. לויט דער רמב"ם...

**ר' יואל אשר:** אין די מוסדות וואו דו גייסט פירן גייען אלע פרויען גיין.

**ר' יצחק:** ביי אונז איז עס נישט נוגע עניוועיס, ווייל אונז מאכן די קידושין און די מסיעה אין די זעלבע צייט.

**ר' יואל אשר:** און מ'טרייט עס אויסצורעכענען, ווייל היינט קען מען עס אויסרעכענען אז טאקע זאכן זענען קאנעקטעד.

**ר' יצחק:** וואס איז קאנעקטעד?

**ר' יואל אשר:** היינט איז דא א גאנצע עסק פון מ'טרייט אויסצורעכענען אז ס'זאל נישט געשען א חופת נדה, ווייל היינטיגע חופות איז צוזאמען מיט קידושין.

**ר' יצחק:** ס'איז אלעס איין גרויסע חילוק. פארקערט, לויט דער רמב"ם, א חופת נדה ארבעט בכלל נישט, איז ממילא דארף מען זיכער מחמיר זיין פאר די חופה. איך זאג נאר אז לויטן רמב"ם, אויב מ'גייט מיט די מגיד משנה סתם, שדא שמא יגע בבשרה, דעמאלטס וואלט געדארפט זיין אז מ'זאל קיינמאל נישט מאכן קיין קידושין אויב זי איז נישט געגאנגען אין מקוה פארדעם. ביי אונז איז עס נישט נוגע, ווייל אונז מאכן די קידושין עניוועי בשעת די חופה.

**דיגרעסיע: די שיטה פון דברי יציב וועגן מחזר זיין קידושין**

**ר' יואל אשר:** גיי רעדן צוריק פון רמב"ם המבואר. דא?

**ר' יצחק:** המבואר. יא, וואס זאגט ער?

**ר' יואל אשר:** ער ברענגט פון דברי יציב, ווייל די צדיקים האבן געמאכט נאכאמאל א קידושין.

**ר' יצחק:** דאס מאכט נישט קיין סענס. אפילו דער רמב"ם האלט אז ס'איז כפופות, נישט קלאר פארוואס ס'זאל זיין אזא...

**ר' יואל אשר:** זיין א מיד.

**ר' יצחק:** צו מאכן נאכאמאל א חופה, דאס קען מאכן סענס.

**ר' יואל אשר:** חופה קען מען נערן, אבער חופה קען מען יוצא זיין מיט'ן אריינעמען דערהיים, אפשר דארף מען ברענגען אן איידעם. אמת.

**ר' יצחק:** חופה איז נישט קיין זאך וואס דארף פיידרס.

**ר' יואל אשר:** עס דארף זיין א הויל דווקא מיט זינגערס, יא.

**ר' יצחק:** עס דארף נישט קיין שטאנגען מיט די... דאס דארף מען אויך נישט. סאו איך ווייס נישט. פארוואס זאל זיין א... יא. אקעי. ס'איז דא א שיטה אין די גמרא אפשר אז זיינע נדרים איז נישט תופס קידושין.

**ר' יואל אשר:** אבער... אקעי, זאגט דער רמב"ם ווייטער.

**ר' יצחק:** די גמרא זאגט אז קידושין איז יא תופס. אקעי. יא, אינטערעסאנטע הלכה. י"ג, יא?

**הלכה י"ג — אשת איש וואס מקבל קידושין מאחר בפני בעלה**

**ר' יואל אשר:** יא. **אשת איש, זי איז שוין אן אשת איש, פארשטייט זיך אז זי קען נישט האבן נאך א מאן, איז פשטה ידה וקיבלה קידושין מאחר בפני בעלה.** איז דא דא א פלא'דיגע הלכה. מ'וואלט געזאגט, ס'איז נישט נוגע, ס'איז נישט שייך קיין קידושין. **אבער זי איז יא מקודשת לשני.** פארוואס? ווייל זי האט עס געטון אין פראנט פון דעם מאן. איז דא א הלכה אז **האשה שאמרה לבעלה בפניו גירשתני, אז זי האט אים מגרש געווען, נאמנת,** איז זי נאמנת, ווייל אונז האבן א חזקה, **אינה מעיזה פניה בפני בעלה,** א פרוי האט נישט אזא גרויסע מאס פון חוצפה. ממילא, דאס איז גענוג א ראיה אז די מאן האט איר מגרש געווען. ס'טייטש, מ'וועט נישט דארפן ברענגען קיין עדים אדער וואס, זי וועט זיין נאמן. ממילא, מקבל זיין קידושין מאחר בפני בעלה איז די זעלבע שטארק ווי זאגן גירשתני. ס'איז די זעלבע העזת פנים בפני הבעל.

ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך. ס'איז א חידוש, אז אפשר א מענטש וואלט געקענט זאגן די העזת פנים, א מענטש קען נישט זאגן יענעם אין זיין פנים. אבער נעמען א רינגל? אפשר יא. אבער אקעי, איך הער. מ'רעדט דאך דא אויך מיט עדים און די גאנצע זאך. ס'איז דאך אויך א גרויסע העזת פנים בפני בעלה. ממילא איז דאס א ראיה אז זי האט באקומען א גט. מ'רעדט מסתמא ווען דער מאן איז אויך מסכים אז זי האט באקומען א גט, ניין? **אבל אם קידשה אחר שלא בפני בעלה.** דאס איז בפני בעלה. **אבל אם קידשה אחר שלא בפני בעלה,** אויב א צווייטער האט איר מקדש געווען...

**דיסקוסיע: וואס מיינט "נאמנת" — אמת אדער לחומרא?**

**ר' יצחק:** וואס דו טייטשסט פון דעם נאמנת? דאס איז די שאלה. ס'מיינט מחומרא אדער אינגאנצן אמת?

**ר' יואל אשר:** הרי זו מקודשת לשני, אזוי שטייט דאס.

**ר' יצחק:** דער רמב"ם איז משמע אז ס'איז אינגאנצן אמת. דער ראב"ד זאגט, נו נו, אבער א כתובה גייט זי נישט באקומען, און חתונה גייט זי אויך נישט. דער ראב"ד האלט אז ס'איז נאר לחומרא, כאילו תופסים בקדושה.

**ר' יואל אשר:** אבער איך ווייס נישט, וואס זאגט דער מאן? דער מאן וואס איז דארטן בפני בעלה, אויב שטייט ער און ער זאגט, ניין, זי איז יא מעיזה פנים. איך זאג קלאר, איך האב איר קיינמאל נישט געגעבן קיין גט.

**ר' יצחק:** גלייבט מען אים נישט? ניין.

**ר' יואל אשר:** אוודאי נישט. מ'גלייבט נאר איר, פון האשה שאמרה לבעלה בפניו גירשתני נאמנת. אבער זי האט נישט געזאגט גירשתני דא, זי האט באקומען קידושין. אבער באקומען קידושין איז די זעלבע זאך ווי זאגן גירשתני, יא.

**שלא בפני בעלה — אין קידושיו תופסין בה**

**ר' יואל אשר: אבל שלא בפני בעלה אין קידושיו תופסין בה,** ביז זי ברענגט א ראיה שנתגרשה קודם שתקבל הקידושין, ווייל שלא בפניו איז יא מעיזה. דער דין אז שלא מעיזה געבט איר נאמנות איז נאר ווען ס'איז דא א חזקה אינו מעיזה, ווען ס'איז בפני הבעל.

ביז יעצט האבן מיר גערעדט עריות מן התורה, ממש איסורי כרת. ער האט נאכנישט געזאגט וועגן איסורי לאו. אקעי.

**קידושין ביי שניות, איסורי לאוין, ואיסורי עשה**

**ר' יצחק:** אבער המקדש אחת מן השניות—

**ר' יואל אשר: איינער וואס איז נאר אן איסור מדרבנן, אדער איינער וואס איז יא מדאורייתא נאר ס'איז איסורי לאוין, אזויווי גרושה לכהן, אדער איסורי עשה, אזויווי עמוני ומואבי,** אדער וועלכע איז געווען אן איסור עשה? מצרי ואדומי. אה, יא, ווייל ס'קומט מיט א כלל עשה. **וכן היבם שקידש צרת יבמה,** וואס איז אן איסור דרבנן.

**דיסקוסיע: וואס איז דער איסור פון צרת יבמה?**

**ר' יצחק:** איי, ס'איז אויך דא א ספק, מיר האבן געלערנט וועגן דעם, ניין? צרת יבמה, ס'איז דא יא אן איסור, אבער ס'איז נישט קיין איסור, ס'איז נישט קיין ערווה, רייט?

**ר' יואל אשר:** ס'איז דא אן איסור אז די איסור אשת אח גייט אוועק, אבער ס'איז דא אן איסור פון אחות זקוקתו.

**ר' יצחק:** נאכאמאל, וואס רעדסטו? צרת זקוקתו. ניין, צרת יבמה. וואס עפעס זקוקתו? וואס איז די איסור פון צרת יבמה? ס'איז דא אן איסור אויף דעם.

**ר' יואל אשר:** מ'טאר נישט חתונה האבן מיט איר צרה.

**ר' יצחק:** איז דאס דרבנן אדער דאורייתא? וואס? מדאורייתא. איז דאס אבער אין גדר לאו אדער... יבמה יבא עליה ולא צרתה.

**ר' יואל אשר:** נישט אז זי איז אזוי אסור אז זי איז פוטר צרתה מן היבום, רייט? יא, מדין אשת אח. אבער פארוואס זאל עס נישט זיין אזויווי עריות? נישט אשת אח.

**ר' יצחק:** נישט אשת אח. צרת יבמה.

**ר' יואל אשר:** נו? אה, צרת יבמה, זי איז נישט געווען חתונה געהאט צו זיין ברודער.

**ר' יצחק:** ניין, די צרה איז חתונה געהאט. ס'שטייט "יבמה יבא עליה" און נישט א צווייטע—

**ר' יואל אשר:** עפעס אזוי.

**ר' יצחק:** נישט א צרה. אקעי.

**ר' יואל אשר:** ס'איז אן איסור עשה, ס'איז אן איסור בדאורייתא אבער, **הרי זו מקודשת קידושין גמורין**, ווייל אויף דעם איז יא תופס קידושין. די איסור איז נישט אזוי שטארק אז די קידושין זאל נישט תופס זיין.

**הלכות קידושין: יבמה לשוק, גוי ושפחה, ומשומד**

**הלכה: נסתפק לחכמים אם הקידושין תופסין ביבמה לשוק**

**ר' יואל אשר:** פארוואס? "נסתפק לחכמים אם הקידושין תופסין ביבמה לשוק כשאר חייבי לאוין, או אין קידושין תופסין בה כערוה". ס'איז דא צוויי לעוועלס פון חומרא. ס'איז דא די וואס ס'איז אזא שטארקע איסור אז קידושין איז נישט תופס, און ס'איז דא גרינגערע. און די לעוועל איסור פון יבמה לזר ווייסן אונז נישט ווי הארב ס'איז, די חכמים זענען מסופק אין דעם. ממילא הייסט עס א גט לחומרא, קידושין בספק, מ'דארף א גט לחומרא.

**ר' יצחק:** זייער אינטערעסאנט, דאס איז מסביר דער מגיד משנה לגבי צרת יבמה. ס'איז געווען גערעכט, וואלט געשטאנען צרת ערוה, אבער דעמאלטס איז נישט קיין ספק, דעמאלטס איז אשת אח, ס'איז כרת. צרת יבמה מיינט סתם אז ער האט געהאט צוויי ווייבער, דער ברודער, און ער האט קדושת יבום,

**ר' יואל אשר:** ער האט א מצוה אויף איינע פון זיי.

**ר' יצחק:** נאר דאס איז עפעס אן עקסטערע איסור עשה. דער רמב"ם האט עס נישט אויסגערעכנט. זייער אינטערעסאנט, פריער אין זיין ליסט האט ער נישט געזאגט דאס, איינע פון די זאכן, פארדעם ווייסן אונז נישט. אבער דא רעכנט עס דער רמב"ם עקסטער. פארדעם ער זאגט "מאיסורי עשה וכן היבם", וואס איז עפעס א נייע זאך. פארוואס ער האט עס נישט גערעכנט דארט ווייס איך טאקע נישט. ער זאגט אז ער האט עס נישט גערעכנט דארט ווייל ס'איז נישט קיין עקסטערע מצוה, ס'איז פארט פון מצוות יבום אדער עפעס אזוי, ס'איז נישט קיין איינע פון די תרי"ג מצוות צרת יבמה. ממילא האט עס דער רמב"ם נישט געקענט רעכנען פריער, אבער ער זאגט עס דא.

דאס איז דאך די עיקר, יא, די גאנצע ריזן פארוואס דער רמב"ם האט געהאט די ליסט פון עריות און שניות איז וועגן די הלכה. ס'איז נישט דא קיין אנדערע נפקא מינה אין הלכות קידושין וועגן דעם. זאגט דער רמב"ם,

**ר' יואל אשר:** "ואף על פי שאסור לו לכנוס אחת מכל אלו",

**ר' יצחק:** דאס הייסט, מ'טאר נישט חתונה האבן. דאס וואס מ'זאגט קידושין תופסין מיינט סך הכל אז מ'דארף א גט, ווייל חתונה האבן טאר מען נישט, ס'איז דאך אן איסור.

**ר' יואל אשר:** יא,

**ר' יצחק:** מ'דארף א גט,

**ר' יואל אשר:** מ'דארף א גט.

**הלכה: המקדש גויה או שפחה אינן קידושין**

**ר' יצחק:** זאגט דער רמב"ם, המקדש גויה או שפחה, איינער מקדש א גויה או שפחה, אינן קידושין, ס'איז נישט קידושין, נאר וואס? הרי היא אחר קידושין כמו שהיתה קודם הקידושין, די קידושין האט גארנישט געטון.

**דיסקוסיע: פארוואס איז קידושין נישט תופס ביי גוי און שפחה?**

**ר' יצחק:** סאו איך מיין אז איך קען טראכטן א סיבה פארוואס, ווייל אונז האבן פריער געהאט אז די צוויי מיני מענטשן קענען נישט זיין קיין שליח פאר קידושין, ווייל ער איז נישט קיין בן ברית, און ער איז נישט בתורת גיטין וקידושין. סאו ביידע זאכן ברענגט אריין... דאס וואס מיר האבן געהאט פריער איז געבעיסט אויף דאס. געבעיסט אויף די הלכה, יא. איך מיין אז די אינטערעסאנטע זאך איז אז נישואין איז א החלטה מיט מענטשן וואס זענען די זעלבע אמונה, די זעלבע תורה. ס'איז דא א רעגירונג וואס יעדער... סאו א גוי איז נישט א חלק פון דעם. שפחה איז בעצם יא א חלק פון דעם, ווייל די שפחה האט מצוות און די שפחה איז אונטערגעווארפן אונטער די בעלים. אבער שפחה איז פאר דעם ריזן נישט בתורת גוט מיט קידושין, ס'פעלט זיי בעלות. סאו גוי איז פשט אז ער איז נישט מסכים צו אונזער קידושין, ער איז נישט א חלק פון די זאך. דאס איז טייטש איינער בתורת.

**ר' יצחק:** א גזירה, עמו דומה לחמור, וואטעווער. ס'איז פונקט פארקערט. קידושין, איך דארף פארהייבן אביסל פריער. ס'איז דא א פאני זאך, ס'איז מסכים אין די גמרא אז קידושין איז נישט תופס אויף א גוי. דאס הייסט, מיר האבן געלערנט, ס'איז דא אלע מיני עריות, וואס קידושין איז נישט תופס, עריות איז יא תופס, אבער עריות איז עריות, איז קידושין נישט תופס, ווייל ס'איז כאילו אן עבירה, און מיר פארשטייען אז קידושין ארבעט נישט אויף אזא סארט פאל. נאכדעם איז דא א גוי אדער א שפחה וואס ס'איז נישט קידושין תופס ווייל ס'איז אן עבירה. ס'איז נישט אזא גרויסע עבירה צו שלאפן מיט א גוי אדער א שפחה, נאר קידושין תופס. נאר ס'איז אביסל אן אנדערע גדר. אז זיי זענען נישט אז ס'איז נישט קיין קידושין, ווייל קידושין איז א חידוש. דער רמב"ם האט מסביר געווען אין די ערשטע פרק, קידושין איז א חידוש וואס די תורה האט מחדש געווען פאר יודן, פאר גוים, און פאר שפחות. ס'איז דא קיין קידושין.

**ר' יואל אשר:** דו דארפסט נישט מאכן די...

**ר' יצחק:** אויב שפחה איז אנדערש ווי גוי,

**ר' יואל אשר:** שפחה איז פאר אן אנדערע סיבה. די זעלבע זאך. ניין, די סיבה פון שפחה איז ווייל שפחה איז אן אנדערע מין זאך, ס'איז מער בעלות, ווייל דער אדון קען אייביג משדך זיין, מ'קען עס אריינמישן.

**ר' יצחק:** שפחה האט נישט קיין קידושין.

**ר' יואל אשר:** א שפחה איז דאך מחויב מיט די תורה בעצם.

**ר' יצחק:** וואס הייסט זי איז מחויב מיט די תורה?

**ר' יואל אשר:** די תורה איז דאך א חידוש פון נאך מתן תורה פאר אלע וואס זענען א חלק פון דעם, נישט פאר שפחות. אקעי, א שפחה איז נישט קיין בת קידושין.

**ר' יצחק:** אדער דו וועסט זאגן אן אנדערע סיבה,

**ר' יואל אשר:** אקעי, אבער לאמיר גיין ווייטער, וואס איז נישט משנה.

**ר' יצחק:** דו מאכסט נאך סיבות, ס'שטייט נישט.

**ר' יואל אשר:** ס'שטייט אז איינער בתורה איז געווען אין קידושין, און אויך איינער לא יוחס. אקעי, לאמיר גיין ווייטער.

**דיסקוסיע: דער חילוק צווישן גוי און שפחה לגבי חתנות**

**ר' יואל אשר:** אבער בעצם ביי א גוי איז אויך דא א חילוק צווישן איינער וואס איז זיך מתייחס צו א גוי אלס זיין ווייב, מה שאין כן איינער וואס איז

**ר' יצחק:** מיט איר באופן אקראי.

**ר' יואל אשר:** ס'קען הייסן זיין ווייב לגבי גרעסערע חומרות, גרעסערע עונשים.

**ר' יצחק:** ס'איז נישטא אזא זאך, איינער שטארקער האט מען געלערנט. א גוי האט עס א זאך, דער רמב"ם האט נישט ממש אזוי געזאגט, אבער אזוי בערך האט ער מסביר געווען דעם ערשטן פרק, א גוי האט עס א זאך אשת איש בבעילה, אדער קענסטו זאגן ביחוד, נישט קיין חילוק, אבער נישט בקידושין. בקידושין, נישט מעלה, נישט מוריד. און דאס איז לכאורה וואס דער רמב"ם גלייכט צו זאגן א לשון, ס'איז א פאני לשון, ער האט פריער געזאגט זיין צייט אין קידושין. פונקט אויף די הלכה לייגט ער צו "הרי היא אחר קידושין כמו קודם הקידושין". וואס ער מיינט ארויסצוברענגען איז אז די קידושין מאכט איר נישט קיין אשת איש. קען זיין ס'איז דא אנדערע זאכן וואס מאכט א גוי אשת איש? דארף מען לערנען הלכות גוים.

**ר' יואל אשר:** ער מיינט אויך עפעס, ווייל ס'איז נישט אזוי ווי אז ס'איז פסול קידושין, אדער ס'איז נישט אזוי ווייל ס'איז א דבר חמור, נאר ווייל ס'איז עפעס קידושין, ס'איז אזוי ווי קידושין פרווו. ס'איז פסול א מין אזוי ווי... אויף איר ארבעט נישט קידושין.

**ר' יצחק:** טעכניקלי איז דאס אלעס בעל הבית. אויך "הרי היא אחר קידושין כמו שהיתה קודם הקידושין". ס'איז נישט דא קיין טעכניקל פאקטישע חילוק צווישן א גוי און א... נאר אז די לומדות איז אפשר אביסל אנדערש.

**ר' יואל אשר:** אקעי. לאמיר גיין ווייטער.

**ר' יצחק:** וואס דו האסט פריער געלערנט, אז זיי האבן געלערנט אז דער רמב"ם אין איסורי ביאה זאגט אז ס'איז דא אן איסור צו חתונה האבן מיט א גוי, אדער ז' אומות, מ'דארף וויסן דארט דרך חתנות, און משא"כ דרך ביאה, וואס זעט מען אז יא דא א מושג אז א איד קען חתונה האבן מיט א גוי, ס'איז דא עפעס אזא איסור. אויב מ'טוט דאס דרך חתנות איז אסור, טאמער נישט איז עס נאר עס מדרבנן.

**ר' יואל אשר:** ניין, דער רמב"ם זאגט טעם, ווייל דער ענין איז דער "פן יסיר את בנך מאחרי", ווייל מיט איינעם איז חלק אינעם'ס פיינמאל,

**ר' יצחק:** גייט מען פארגעסן אידישקייט. ס'איז אן עקסטערע מין איסור,

**ר' יואל אשר:** ס'איז נישט א ביאה אסור. זעט עס אז ס'איז מער אן ענין פון דאס,

**ר' יצחק:** מ'רופט אז ס'איז דא אן איסור ביאה.

**ר' יואל אשר:** אזוי ווי אלע אנדערע איסורי ביאה. אבער ביי אלע אנדערע איסורי ביאה איז נישטא קיין חילוק צי מ'טוט עס באופן חד פעמי אדער באופן קבוע. מה שאין כן ביי א גוי, באופן קבוע איז דא די איסור פון חתנות, וואס דאס איז "שמא יאכילנה", וואס איז עפעס א סניף פון עבודה זרה, ס'איז אן אנדערע מין מצוה.

**ר' יצחק:** אקעי. איז דא אזא מציאות אז א מענטש

**ר' יואל אשר:** און זיין ווייב קענען זיין חתונה געהאט,

**ר' יצחק:** אבער די קידושין טוט נישט גארנישט. דאס איז די חילוק. די קידושין, ווייטער, אפילו דארט, מקדש זיין און נישט עובר זיין. אויב ער לעבט באופן של חתנות, איז ער עובר. אויב ער לעבט באופן של נישט חתנות, איז ער נישט עובר אויף יענע איסור. ס'האט מיט קידושין, די חידוש אז מ'לייגט אריין א רינגל אדער מ'מאכט א קנין, מ'טוט עפעס, דאס ארבעט נישט אויף

**ר' יואל אשר:** גוים אדער אויף עבדים.

**הלכה: גוי ועבד שקידשו בת ישראל אין קידושיהן קידושין**

**ר' יואל אשר:** און נישט נאר גוים און עבדים, פארקערט, ס'איז דא אויך ביי א מאן: "גוי ועבד שקידשו בת ישראל, אין קידושיהן קידושין".

**הלכה: ישראל משומד שקידש — קידושיו קידושין**

**ר' יואל אשר:** "ישראל משומד שקידש" - דאס איז אבער אזא הלכה. "ישראל משומד". ס'איז דא א קאטעגאריע פון א מענטש וואס איז א איד, אבער ער איז א משומד, ער טוט עבירות בפרהסיא. ס'איז דא דיני משומד. וואו שטייט מער דיני משומד?

**ר' יצחק:** וואס ניין איז די שאלה? ס'איז דא אסאך הלכות. זיין עדות איז נישט קיין עדות,

**ר' יואל אשר:** ער איז פסול לעדות. יא, ס'איז שווער תשובה צו טון.

**ר' יצחק:** ער איז א גוי לכל דבריו. דער רמב"ם זאגט אסאך מאל אז א משומד איז כגוי לכל דבריו. מיר האבן געלערנט אזעלכע הלכות ביי הלכות שבת. וואס מיינט לכל דבריו? אז זיין ספר תורה איז נישט כשר, זיין שחיטה איז נישט כשר אפשר, וכו' וכו'.

**ר' יואל אשר:** ער קען נישט זיין קיין שליח ציבור וכדומה.

**ר' יצחק:** נישט שליח ציבור, בונה דעלמא כולא. אז ער מאכט א ספר תורה, האבן מיר געלערנט אז ס'האט נישט קיין קדושת ספר תורה.

**ר' יואל אשר:** ער קען נישט מוציא זיין. ער קען נישט דאווענען און מוציא זיין.

**ר' יצחק:** ער דאווענט נישט, איז נישט קיין שאלה.

**ר' יואל אשר:** פארוואס מאכט ער ספר תורות? בקיצור,

**ר' יצחק:** ס'איז דא אסאך הלכות וואס לגבי דעם, די חלות, ס'איז דא חלות מצוות וואס א משומד קען נישט טון.

**דיסקוסיע: פארוואס איז א משומד אנדערש פון א גוי לגבי קידושין?**

**ר' יצחק:** אבער דא קומט אריין, וואלסטו געמיינט אז ס'שטייט "כגוי לכל דבריו", פשט אז ער איז א גוי,

**ר' יואל אשר:** און ממילא איז נישטא ביי אים גיטין וקידושין. זאגט ער, ס'איז "כ"גוי און א גוי

**ר' יצחק:** איז נישט דאס זעלבע זאך.

**ר' יואל אשר:** ווי מ'דארף האבן... איך דאכט זיך אז דער רמב"ם האט געזאגט ביי ספרות, אז ווייל וועלן ער שרייבט עס, ס'מיינט גארנישט ביי אים, יא? אזעלכע סארט זאכן בעבודת השם. אבער דא ביי קידושין איז עס אן ענין פון קנין. ער איז נישט מופקע פון דעם. ער איז נישט אזוי ווי א גוי וואס איז נישט א חלק פון אונזער שבט. ער איז דאך א חלק פון אונז.

**ר' יצחק:** און דו האלטסט אין איין זאגן די חצי סברא, וואס איך זע בכלל נישט די סברא. די אלע סברות ארבעט נישט. אזוי איז די הלכה. אז א ישראל משומד, וואלט געקענט זיין אנדערש די הלכה, וואלטסטו פונקט אזוי גוט פארשטאנען.

**ר' יואל אשר:** די הלכה איז אבער אז א ישראל משומד האט...

**ר' יצחק:** מ'רעדט דא אז מ'האט מקדש געווען א פרומע אידענע, יא? א ווארילע אידענע. אפילו ער איז מקדש געווען נאך א משומדת'קע. נישט קיין חילוק. ווי לאנג זי איז געבוירן וואס א איד איז, קידושין ארבעט. דאס איז די הלכה. יא. אקעי. ס'איז דאך געווען, איך געדענק אז ס'איז דא וואס אפשר דינגען זיך אפילו אויף די הלכה. אקעי. יא. אבער אין די גמרא שטייט אזוי, אז ישראל מומר, אדער משומד איז אפשר די ריכטיגע גירסא.

**דער רמב"ם'ס לשון: אף על פי שהוא עובד עבודה זרה ברצונו**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, אף על פי שהוא עובד עבודה זרה ברצונו - מ'רעדט דא אן עכטע משומד, עובד עבודה זרה ברצונו. ס'איז דא אפאר מיני משומדים, אבער ווען דער רמב"ם האט דא אנגעכאפט, זעט אויס אז דאס איז די הארבסטע פון זיי. אבער לגבי קידושין הייסט ער א איד, וצריכה ממנו גט. שוין. זאגט דער רמב"ם ווייטער. יעצט גייען מיר לערנען...

**ר' יצחק:** דאס הייסט, צו דארף א גט, אז זיין ווייב דארף א גט, דאס איז די נפקא מינה פון קידושין. אפשר מיינט דער רמב"ם צו זאגן אז זי זאל נישט בלייבן וואוינען מיט דעם משומד חס ושלום, אבער אויב מ'דארף אוועקגיין, דארף מען א גט.

**ר' יואל אשר:** מ'קען נישט סתם אוועקגיין. וואס איז ער? איך ווייס נישט. אפשר קען מען אים מעלה זיין, אזוי ווי דינה האט געוואלט נעמען עשו און אים אויפהייבן.

**ר' יצחק:** ניין, ניין.

**ר' יואל אשר:** איך ווייס נישט זאגן. ס'ווענדט זיך שוין לפי המצב. און מ'קען קומען... איך מיין, מ'קען נישט מאכן די דיוק פון דעם רמב"ם. ניין, ס'קען זיין אז ס'איז נישט דא קיין זאך.

**ר' יצחק:** למשל, שרייבן א גט קען נישט קיין משומד. שטייט בפירוש אין די רמב"ם אז זיין גט וואס ער שרייבט איז נישט כשר, אבער ער אליינס דארף געבן א גט, און ער דארף טרעפן א כשר'ער איד וואס זאל מאכן די גט למשל. ס'איז געווען אנדערע וואס האבן געוואלט טראכטן אנדערש, ס'איז געווען אפשר אין די זמן הגאונים וואס האבן געוואלט טראכטן אז א משומד דארף נישט קיין גט וכדומה. ס'איז נישט אזוי סימפל.

**המקדש חציה שפחה וחציה בת חורין — ספק קידושין וגמרו קידושיה**

**הלכה: המקדש אשה שחציה שפחה וחציה בת חורין**

**ר' יצחק:** די ברצונו איז לכאורה די אפיקי אונס. יא, דער רמב"ם האלט אז אונס טוישט נישט. אבער לענין גיטין וקידושין, דאס הייסט נישט נאר

קידושין, יבום, חליצה, די אלע זאכן, דו קענסט עס רופן אזוי ווי דיני אישות, די סטאטוס פון א מענטש, דאס גייט מער וויניגער מיט וויאזוי ער איז געבוירן, ס'האט גארנישט צוטון מיט וואס ער פירט זיך. אינטערעסאנט, דו קענסט פארשטיין פארוואס אין אזא זאך זאל מען מאכן אזוי די הלכה, אבער אזוי איז די הלכה. אקעי. יעצט גייט מען לערנען היינט צו א מאדנע מעשה.

**ר' יואל אשר:** יא. **המקדש אשה שחציה שפחה וחציה בת חורין.** מיר האבן שוין געלערנט אז א שפחה ארבעט נישט קידושין, אבער ס'איז אויך דא איינער וואס איז האלב וועגס א שפחה. ס'טייטש איינער וואס איז געווען א שפחה צו צוויי אדנים, צווי האבן געהאט א שותפה, און איינער האט איר באפרייט,

**ר' יצחק:** יעצט איז זי האלב.

**ר' יואל אשר:** איז זי איז ביידע.

**ר' יצחק:** ער האט מקדש געווען די איש.

**ר' יואל אשר:** און זי איז ביידע. זי איז נישט ספק, זי איז אזוי ווי אן אנדרוגינות לגבי זכרות ונקבות. זי איז ביידע. איינער ווי דאס איז געווען **אינה מקודשת קידושין גמורין עד שתשתחרר.** אבער ווען זי ווערט באפרייט, ס'טייטש די צווייטע אדון האט איר באפרייט, דעמאלטס **גמרו קידושיה,** ענדיגט זיך, איר קדושה ווערט נגמר. אזוי ווי מיר האבן פריער געלערנט ביי כקידושי קטנה שגדלה, אז א קטנה וואס האט באקומען קדושה פאר איר צייט, איז נישט קיין קידושין. אבער אויב מ'האט אויסגעווארט און ער איז געבליבן מיט איר נאך ווי זי איז געווארן א גדולה, דעמאלטס ענדיגט זיך די קידושין, דעמאלטס ווערט די קידושין א כשר'ע קידושין.

**דיסקוסיע: דער צושטעל פון קטנה שגדלה — איז דאס מדרבנן?**

**ר' יצחק:** דאס הייסט קידושי מועין. ס'איז נישט קיין שייכות די צוויי זאכן, וויל דארט האבן מיר געלערנט אז די רבנן האבן געמאכט קידושין, און סאמעהאו די קידושין דרבנן ווערט אונטער קידושין דאורייתא אויב זיי זענען נישט ממעיין. דא איז נישט קיין

**ר' יואל אשר:** נושא פון די רבנן. אבער ס'איז געשטאנען די לשון **קידושין גמורין.** ס'איז טייטש אז ס'איז נישט קיין לכתחילה'דיגע קידושין, איז דאס ווערט קידושין גמורין. גמורין. דא שטייט דאך די ווערט קידושין גמורין, און נאכדעם שטייט קידושין נישט אחרין. גמורי קידושין.

**ר' יצחק:** ער מיינט exactly, ער ענדיגט,

**ר' יואל אשר:** ס'איז נאכנישט געענדיגט.

**ר' יצחק:** ס'איז א... סאו אפשר אזוי ווי מדרבנן איז זי מקודשת,

**ר' יואל אשר:** אדער עפעס אזא סארט סיטואציע,

**ר' יצחק:** דאס פרעג איך צו. וויל חוץ עבד כנעני, חציה שפחה וחציה בת חורין, ווייס איך נישט אויב ס'איז א נושא פון מדרבנן. ס'קען זיין אז ס'איז מער א נושא פון... איך ווייס נישט, ס'איז האלב וועגס. ס'איז האלב און האלב.

**ר' יואל אשר:** סאו ס'איז אזוי ווי א ספק אין וויאזוי צו טון מצוות. ניין, ס'איז נישט קיין שאלה פון מצוות, ס'איז א שאלה פון קדושה.

**ר' יצחק:** ניין, למשל,

**ר' יואל אשר:** איך וואלט געזאגט אזוי, למשל, אויב א צווייטער איז איר בועל וויל זי איז אין דעם מצב, איז זי אן אשת איש? וועלן מיר זען, וועלן מיר זען. איך זאג די נעקסטע הלכה רעדט וועגן דעם. ער איז בועל געווען א חצי אשת איש,

**ר' יצחק:** די האלב. און דער רמב"ם איז משמע אז ס'איז כחצי קידושין מדרבנן, אז ער איז עובר אויף אשת איש, אדער איך ווייס נישט צו ס'איז מדרבנן, חצי, עפעס אן אנדערע סארט זאך.

**וכיון שנשתחררה גמרו קידושיה — ואינו צריך לקדשה קידושין אחרין**

**ר' יצחק:** אקעי. **וכיון שנשתחררה, ווערט גמרו קידושיה,** אזוי ווי א קטנה שגדלה, **ואינו צריך,** דער מקדש, דארף ער נישט איבער מקדש זיין. יא? יא. וואס איז **בא אחר וקידשה אחר שנשתחררה?** וואס טוט זיך ווען ס'איז געווען די תקופה ווען ס'איז נאכנישט געווען נגמר הקידושין? ניין, נאך די תקופה.

**ר' יואל אשר:** אחר שנשתחררה. אחר שנשתחררה. ס'איז געקומען א צווייטער. ס'איז נאכדעם וואס ס'איז שוין מסכים געווען,

**ר' יצחק:** יא?

**ר' יואל אשר:** נאכדעם וואס ס'איז שוין געווארן א גמרו קידושיה, יא? לכאורה. **הרי זה ספק קידושין לשניהם.** דאס הייסט, ואינו צריך לקדשה קידושין אחרין אויף די נארמאלע אופן ווען ס'קומט נישט קיין צווייטער. אויב ס'קומט א צווייטער, דארפסטו וויסן אז די גאנצע הלכה

**ר' יצחק:** איז בכלל נישט אזוי קלאר, ס'איז א ספק.

**ר' יואל אשר:** וויל די ערשטע קידושין איז נאר געווען א קידושין דרבנן סלעש קידושי ספק. ס'איז נישט קלאר. ממילא, יעצט האט איינער געמאכט א געהעריגע קידושין, אויפ'ן צד אז די פריערדיגע איז נישט קיין קידושין, האט ער דאך יא געקענט מקדש זיין. ס'איז א ספק, ס'איז א ספק אין הלכה,

**ר' יצחק:** מחלוקת האמוראים, און דער רמב"ם פסק'נט אז ס'איז א ספק. ממילא, אויב ס'קומט נישט קיין צווייטער, איז נישט קיין פראבלעם, איז זי מקודשת. כאילו, ס'איז זייער אינטערעסאנט.

**דיסקוסיע: פארוואס איז "ואינו צריך" אויב ס'איז א ספק?**

**ר' יואל אשר:** ס'ווערט מיר אויס דא אז דער רמב"ם טראכט אז אויב

**ר' יצחק:** איינער האט א קידושין וואס איז נאר מספק קידושין, איז גענוג, מ'דארף נישט מאכן נאכאמאל קידושין, וויל די מצוה פון קידושין האט ער שוין יוצא געווען. ס'איז נישט דא פארוואס צו זאגן צוויי קטרי לחומרא, האסט דאך א ספק, זאל ער מקדש זיין נאכאמאל. פריער האט ער יא געזאגט אזוי, רייט? ביי אלע ספקי קידושין האט ער געזאגט אז אויב ער וויל זיך קיימה זיין, דארף ער מקדש זיין בוודאי. אבער דא פלוצלינג זאגט ער נישט אזוי,

**ר' יואל אשר:** ער זאגט אז ס'איז גוט, איז גוט. מ'קען זאגן אז דער רמב"ם וואלט עס נאר געזאגט דעמאלטס ווען ס'הייבט זיך אן מיט א דרבנן, אז מ'זאל אזוי טון, יא? אזוי ווי ביי א קטנה, האבן די חכמים אזוי מתקן געווען.

**ר' יצחק:** ביי א קטנה דארף מען עס נישט טון. דא איז אזוי ווי א קטנה. איך זאג, א נארמאלע ספק קידושין,

**ר' יואל אשר:** איך האב אים געזאגט אז מ'קען בלייבן ביז מיר, און אצינד נשתחררה דארף מען נישט ניין. פארוואס דארף מען נישט ניין? וויל ס'איז ממשיך. זאגסטו אז די זעלבע זאך וועט זיין...

**ר' יצחק:** נאכאמאל, אזוי שטייט ביי א קטנה. אבער ביי א נארמאלע ספק קידושין זאגן מיר נישט אזוי. ביי א נארמאלע ספק קידושין זאגט דער רמב"ם, אם רצה לקיימה דארף ער נאכאמאל מקדש זיין. און דא זאגט ער קלאר אז ס'איז א ספק קידושין, דאס הייסט אויב ס'קומט א צווייטער, אבער אויב ס'קומט נישט קיין צווייטער, זאגט ער אז ס'איז גוט. מ'דארף פארשטיין די למדות טעקניקלי פארוואס ס'איז געשען אזא הלכה.

**ר' יואל אשר:** און אויך, פארוואס בלייבט ספק קידושין נישט ניין? אנדערע פעלער, ווען מ'איז מקדש איינער וואס מ'טאר נישט מקדש זיין מדרבנן, איז דוקא די רבנן קידושין ביניי.

**ר' יצחק:** דאס איז נישט קיין דרבנן. דאס זאג איך, די צושטעל פון קטנה שגדלה איז נישט אזא גוטע צושטעל לכאורה, וויל דארט איז עס מדרבנן. דאס איז נישט קיין מדרבנן, דאס איז ממש א ספק, א מחלוקת אין די גמרא וויאזוי ס'ארבעט. און דער רמב"ם פסק'נט אז מ'דארף מחמיר זיין, כאילו ס'בלייבט א ספק.

**ר' יואל אשר:** ספק קידושין לשניהם, ביידע דארפן געבן א גט אדער וואס?

**ר' יצחק:** יא, אבער אזוי ווי די הלכה אויף יעדע מאל, ס'איז דא צוויי מענטשן וואס האבן א ספק קידושין, וואלסטו געפרעגט וואס די הלכה איז?

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, ס'איז דא נאך עפעס א קאטעגאריע?

**ר' יצחק:** סאו די נקודה וואס דער רמב"ם לייגט צו אז ס'איז דא אזוי ווי קטנה שגדלה, איז עפעס א חידוש פון דער רמב"ם. מ'דארף פארשטיין ווי האט דער רמב"ם אריינגעלייגט דאס שטיקל, ווייל בפשיטות איז סתם א ספק, בלייבט אלעמאל א ספק. פארשטייסט? דאס וואס דער רמב"ם לייגט אין א נארמאלע קעיס, כאילו גמרו קידושיה,

**ר' יואל אשר:** דאס איז עפעס אן אינטערעסאנטע זאך. וויאזוי ווערט עס פון אן אינו צריך לקדשה צו א ספק קידושין? ס'איז שווער, שווער עס אפצולערנען.

**ר' יצחק:** ס'איז בדרך פארקערט. צו זאגן אז ס'איז א ספק, דאס איז נארמאל. ווי קומט דא אריין די קשיא פון קטנה שגדלה? ס'איז נישט קיין קטנה שגדלה, ס'איז געווען א פאני קעיס, א חצי שפחה. אפשר קען מען עס יא מקדש זיין, אפשר קען מען נישט. אקעי, פרעג די רבנים. די רבנים ווייסן נישט, מ'מאכט מיר זיין מיט ספק. אבער וואס האט דאס צו טון מיט גמרו קידושיה?

**ר' יואל אשר:** וואס איז א שייכות גמרו קידושיה דא?

**הלכה: שפחה חרופה — חילוק פון חציה שפחה שקידשה ישראל**

**ר' יצחק:** יעצט זאגט דער רמב"ם,

**ר' יואל אשר:** ס'איז דא נאך עפעס א טערמין וואס אונז קענען, א קאטעגאריע וואס הייסט שפחה חרופה. וואס איז די שפחה חרופה וואס מיר ווייסן אין די תורה? ס'איז אינטערעסאנט אז דער רמב"ם לייגט עס דא אריין.

**ר' יצחק:** דער רמב"ם האלט אינמיטן רעדן וועגן א חציה

**ר' יואל אשר:** שפחה וחציה בת חורין וואס א נארמאלער מענטש האט מקדש געווען. יעדער איינער ווייסט אז

**ר' יצחק:** א שפחה חרופה איז אזא סארט שפחה וואס האט נישט קיין געהעריגע קידושין. והראיה, דער וואס איז איר בועל, דאס הייסט "שפחה חרופה נחרפת לאיש", און זי איז נישט סתם א שפחה וואס האט נישט קיין מאן. זי האט אין א סענס א מאן, אבער זי האט נישט קיין מאן אז מ'דארף סך הכל ברענגען א קרבן אשם, מ'דארף נישט גארנישט מער טון, ס'איז נישט קיין איסור אשת איש.

זאגט דער רמב"ם, כאטש יעדער איינער ווייסט אז א שפחה חרופה איז א חציה שפחה וחציה בת חורין,

**ר' יואל אשר:** אבער דא האב איך געלערנט אין הלכה אז ס'איז א ספק קידושין.

**ר' יצחק:** אויב ס'איז א ספק קידושין, דארף זיין ספק אשת איש, נישט שפחה חרופה. שפחה חרופה איז נישט קיין ספק קידושין, שפחה חרופה איז אן אנדערע זאך. איז דער רמב"ם מסביר, **"ואי זו היא שפחה חרופה האמורה בתורה?"**

**ר' יואל אשר:** אן אנדערע זאך. **"זו מי שחציה שפחה וחציה בת חורין"**,

**ר' יצחק:** די זעלבע,

**ר' יואל אשר:** אבער זי ווערט מקודש געווען נישט אזוי ווי פריער, נאר **"שקידשה עבד עברי"**. אן עבד עברי האט איר מקדש געווען, נישט סתם א איד האט איר מקדש געווען. וואס דאס איז א נייע סארט מציאות, און דעמאלטס איז דא די דיני שפחה חרופה וואס מיר לערנען אין הלכות איסורי ביאה.

**ר' יצחק:** הגם אז אן עבד עברי איז אויך א געהעריגער איד, אבער ווען ער איז מקדש א שפחה, דעמאלטס ווערט זי א שפחה חרופה לו, דעמאלטס איז עס א שוואכערע קידושין, דעמאלטס הייבט זיך אן די הלכות שפחה חרופה. אבער **"ומי שחציו"**, יא?

**ר' יואל אשר:** דאס הייסט, ביז יעצט האבן מיר נישט גערעדט אן עבד עברי וואס איז מקדש א געהעריגע פרוי, איז עס געהעריג. דאס הייסט, ווען מ'האט געלערנט "עבד", האט מען גערעדט איבעראל פון אן עבד כנעני. אבער ווען ער נעמט א שפחה חרופה, איז דא מיוחד'דיגע דינים. און מער וואס די מיוחד'דיגע דינים זענען, זאגט נישט דא דער רמב"ם,

**ר' יצחק:** דאס שטייט אין איסורי ביאה.

**ר' יואל אשר:** ער קומט נאר מסביר זיין, אז ווייל ער האט גערעדט וועגן חציה שפחה וחציה בת חורין, זאלסטו זיך נישט טועה זיין מיט עפעס וואס איז באקאנט פון די תורה.

**ר' יצחק:** ניין, ווייל ס'איז א קשיא אויפ'ן רמב"ם, דו געדענקסט אז שפחה חרופה איז נישט קיין קידושין, און דא זאגט דער רמב"ם אז ס'איז א ספק. דער תירוץ איז א חילוק: די שפחה חרופה רעדט זיך ווען ס'איז קידשה עבד עברי, און דער רמב"ם האט גערעדט פון קידשה א נארמאלער איד. דאס איז לכאורה די טייטש פון די רמב"ם.

**הלכה: חציו עבד וחציו בן חורין שקידש בת חורין**

**ר' יואל אשר:** יא, ווייטער גייען מיר לערנען, מיר האבן שוין געלערנט וועגן אלע מיני מענטשן און מצבים.

**ר' יצחק:** וואס נישט אלע,

**ר' יואל אשר:** אבער פארקערט, **ומי שחציו עבד וחציו בן חורין**, די זעלבע זאך ווען דער מאן איז דער עבד וואס איז א חציו עבד וחציו בן חורין, וואס ער האט מקדש געווען א בת חורין, **איז הרי זה ספק קידושין.** אזוי ווי ווען א ישראל איז מקדש א חציה, די זעלבע זאך ווען א עבד איז מקדש א ישראלית,

**ר' יצחק:** א געהעריגע בת חורין, איז א ספק קידושין.

**ר' יואל אשר:** און ווען א חציו עבד וחציו בן חורין איז מקדש א שפחה, דעמאלטס ווערט עס א שפחה חרופה, ניין,

**ר' יצחק:** דעמאלטס איז עס גארנישט, איך ווייס נישט, ער זאגט נישט.

**ר' יואל אשר:** איך ווייס נישט, אקעי. אדער אפשר איז דאס שפחה חרופה די אדער ווער' עראונד, א חציו עבד וחציו בן חורין וואס איז מקדש א שפחה.

**ר' יצחק:** נאכאמאל, ער איז מקדש א שפחה,

**ר' יואל אשר:** אבער עבד עברי איז מקדש א חציה.

**ר' יצחק:** א שפחה האט נישט קיין קידושין, וואס קומט זיך דא אריין? שפחה האט נישט קיין קידושין, מיר האבן אנגעהויבן די הלכה,

**ר' יואל אשר:** שפחה אין לה קידושין. די חציה, אבער די עברי איז דאך א נארמאלע איד. שפחה האט נישט קיין קידושין. אן עבד עברי איז אויך. אקעי, ווייטער. ס'איז דא שפחה חרופה איז עפעס יוניק, אז ס'איז נאר דא איין פאל.

**ר' יצחק:** נאכאמאל,

**ר' יואל אשר:** א עברי האט איר מקדש געווען. א אידישע שפחה איז נישט דא אזא אידישע,

**ר' יצחק:** א אידישע, א אידישע, וואס קומט עס אריין?

**ר' יואל אשר:** אן עבד עברי איז אויך א איד.

**ר' יצחק:** די פראבלעם איז מיט די שפחה. זיין קדושן איז טאקע גוט. אויב א איד וואלט איר מקדש געווען, איז אויך דאס א ספק. קען זיין, אבער

**קידושין בשכרות ובפחות משוה פרוטה**

**שיכור'ס קידושין**

**ר' יואל אשר:** די

**ר' יצחק:** חציה אמה וחציה בת חורין וועט זיין אזוי איבער.

**ר' יואל אשר:** אן עבד עברי איז אויך. אקעי, ווייטער. שפחה האט נישט קיין קידושין. אן עבד עברי איז אויך. אקעי, ווייטער. שפחה איז עפעס יוניק.

ס'איז נאר דא איין פאל. ס'איז אויך דא א אידישע שפחה. די אנדערע וועגן אריין. א אידישע שפחה איז נישטא אזא אידישע...

**ר' יצחק:** ס'איז א אידענע. וואס קומט עס אריין?

**ר' יואל אשר:** אן עבד עברי איז אויך א איד. ס'איז עפעס א מיוחדיגע איד. די פראבלעם איז מיט די שפחה.

**ר' יצחק:** זיין קידושין איז טאקע גוט. אויב א יוד וואלט איר מקדש געווען, איז אויך א ספק. קען זיין, אבער ווען אן עבד עברי, די אלע מפרשים דא ווייסן נישט קלאר וואס וועט זאגן, צי אפשר א יוד וועט אויך זיין א שפחה חרופה. אבער דער רמב"ם זאגט, ס'קען זיין אז ס'איז דא א חילוק, ווייל א יוד איז אסור בשפחה, ממילא קען עס נישט הייסן קיין ריכטיגע קידושין. מה שאין כן אן עבד עברי איז מותר בשפחה כנענית. דו געדענקסט דאך, דו געדענקסט דאך די אלע זאך, רבו מוסר לו שפחה כנענית. סאו אן עבד עברי, ממילא הייסט עס מער קידושין, ממילא ווערט א הלכות שפחה חרופה. ווען ס'איז א יוד, איז סתם א ספק קידושין. מ'לערנט פריער, אן אנדערע נושא. שפחה חרופה מיט אן עבד עברי, דער מיוחד, דו פרעגסט וואס איז מיוחד פון אן עבד עברי? וואס איז מיוחד איז, דער עבד עברי איז מותר בשפחה. אקעי. יעצט גייען מיר לערנען פון נאך איין סארט מענטש, נאך איין סארט איד, וואס איז דא א

**ר' יואל אשר:** שאלה אויף זיין קידושין.

**ר' יצחק:** ס'איז דא א חרש שוטה וקטן, וואס טוט זיך איינער וואס איז אן אנדערע מין פון דעת? יא, זיי האבן געלערנט די גאנצע גרופע מענטשן, א חרש, א שוטה, און אפאר פון זיי זענען געווען אין די ענין פון מין, פון ווי בעלות, מין. יא, יעצט האבן דעת, ס'איז מער די קריטעריע פון דעת.

### שיכור'ס קידושין

שיכור'ס קידושין. איך בין מקדש די סדר און נעמען. מיר האבן געמאכט א לאנגע ליסט פון אלע סארט מענטשן וואס קידושין איז יא אדער נישט תופס. און די לעצטע אויף די ליסט. א יוד האט חתונה געמאכט, ער האט צופיל מקפיד געווען אויף די מצוה פון די וויטער. ניין, מ'דארף דאך מאכן א ברכה על יין, דער ברכת אירוסין, און ער האט געטרונקען א גאנצע באקס. ברכת אירוסין, און ער האט נאך די קידושין, ער האט פארכאפט. דער רמב"ם האט געזאגט אז ס'איז פאר די קידושין. פון די האלבע רגע איז ער געווארן שיכור, נו נו. אקעי, ער האט שטארק מחמיר געווען. ניין, איך האב אמאל רעד נישט געפאסט יענע טאג און ער האט געטרונקען ביי קבלת פנים. לאמיר נישט זיין אזוי דן זיין על קבלת פנים. ווי געדארפט,

**ר' יואל אשר:** אזוי זאגט דער הייליגער רמ"א אז וועגן דעם

**ר' יצחק:** פאסט מען ביום החופה אז ס'זאל נישט זיין קיין חשש שכרות. אבער מאכט זיך א מענטש וואס האט נישט געפאלגט פאר דעם מנהג וואס טאקע סאלווד די פראבלעם. יא. איז וואס איז דעמאלטס? **קידושיו קידושין ואף על**

**ר' יואל אשר: פי שנשתכר הרבה, אפילו ער האט געטרונקען אסאך.**

### דער גדר פון שכרותו של לוט

**ר' יצחק:** שיכורות של התקדשה. אינטערעסאנט. אפשר איז עס נישט נוגע ווי לאנג אז זי וויל. זי דארף אויך האבן רצון, אבער נישט אז דו מאכסט מיר קידושין.

**ר' יואל אשר:** זי דארף אויך האבן רצון, אבער זי מאכט מיר קידושין. זיין אוועיר פון וואס גייט פאר איז... קען מען זיין אסאך מער שיכור ווי זאגן די ווערטער, טון די מעשה. א שיכור, אזוי שטייט און מ'פסק'נט אין כל התורה כולה, ער איז אחראי אויף זיינע מעשים, ער איז חייב בנזק אויב ער איז מזיק געווען, ער באקומט עונשים פאר עבירה וואס ער האט געטון ווען ער איז שיכור. אונז רעכענען עס נישט. ס'איז דא גלייב איך זאכן וואס א שיכור האט, אונז ווייסן אז ער האט נישט געהעריג כוונה, ס'איז א הוראת שעה לגבי תפילה למשל, ס'איז אן אנדערע מין דין. אבער אלע זיינע קנינים זענען קנינים. אויסער אויב ער איז געווארן אזא שיכור אז ער איז ממש נישט אוועיר וואס גייט פאר, וואס מען רופט עס **"עד שהגיע לשכרותו של לוט"**. ס'איז שווער צו מאכן א גדר. אונז קענען מיר דאך אלע א מעשה אין די תורה פון לוט, און אונז ווייסן וואס ער האט געטון ווען ער איז געווען שיכור. **"לא ידע בשכבו ובקומו"**. ס'איז גענוג א זאפטיגע מעשה אז דער עולם זאל ווייסן פון וואס מ'רעדט.

**ר' יצחק:** ער האט מקיים געווען עד דלא ידע, יא? "לא ידע בשכבו ובקומו".

**ר' יואל אשר:** אה, דאס איז די תורה'דיגע עד דלא ידע. "ארור המן ברוך מרדכי" איז א לשון

**ר' יצחק:** נקי'ה פאר די "בשכבו ובקומו", אזוי מיינט ער.

**ר' יואל אשר:** המן האט געוואלט אוועקלייגן דעם אידן בשכבו.

**ר' יצחק:** בקיצור, יא. איז דעמאלטס,

### ומתיישבין בדבר זה

**ר' יואל אשר:** דעמאלטס איז אין קידושין, בקידושין, זאגט דער רמב"ם. אבער די זאך איז נישט אזוי פשוט. **"ומתיישבין בדבר זה"**. ס'הייסט, דו קענסט נישט קומען נעקסטע טאג זאגן, "אה, זאלסט ווייסן, איך בין געווען שיכור ווי לוט ביי די חתונה." מ'איז נישט מקיל אין דעם. דער דיין דארף אפשאצן ווי שטארק שיכור ער איז. ווען דער רמב"ם זאגט "מתיישבין בדבר זה", מיינט ער צו זאגן אז קיינער זאל נישט זאגן אז איך האב גע'פסק'נט אזוי ווי ס'שטייט אין זוהר רמב"ם. מ'דארף זיך אוועקזעצן, מ'דארף עס ערנסט דן זיין.

**ר' יצחק:** אויף יעדע הלכה דארף מען זיך ערנסט דן זיין. אבער לכאורה, ווען ער זאגט דאס, מיינט ער צו זאגן ווייל

**ר' יואל אשר:** דאס איז נישט קיין קלארע גדר.

**ר' יצחק:** און ס'איז א דבר חמור. ביי הלכות גיטין זאגט ער אן ענליכע זאך. איך געדענק אז ס'איז דא נאך פלעצער וויאזוי ער זאגט אזא לשון. לכאורה, אלעמאל מיינט עס אז ס'איז נישט קיין קלארע זאך, ס'איז נישט קיין שיעור שכרות.

**ר' יואל אשר:** מענטשן ווייסן נישט ווי שטארק שיכור דער אנדערער מענטש איז, ווי שטארק ער איז פריילך, ווי שטארק ער איז שיכור. אקעי. ס'איז גרייט דא אסאך אזעלכע שאלות, נישט אסאך, ווייל ס'איז דא אין די תשובה ספרים. מענטשן קומען אין א קרעטשמע און מ'טרינקט, ס'איז מסתמא א תופעה וואס מאכט זיך, מ'איז דן צו ווי שיכור ער איז געווען ווען ער האט געזאגט.

**ר' יצחק:** אה, זאגט ער, די מעשה איז נישט, דאס וואס די פוסקים רעדן ביי די חתונה איז מסתמא א קלענערע שאלה, ווייל עניוועי, ער וויל דאך זיין מקודש. די שאלה הייבט זיך אן ביי עפעס מאדנע מענטשן וואס שיקן אן זאכן.

**ר' יואל אשר:** ס'איז אין קרעטשמע. דארטן איז ווי ס'געשעט די נישט אפישעל... און די גמרא איז נאך דא אפילו אין די שוק. היינטיגע צייטן, אויב ס'איז נישט אין די שוק, וואלט זייער מעגליך אין די קרעטשמע. און ס'הייבט זיך אן שאלות פון שכרית'ישע לויט. לעבן ווי מ'קומט אן צו די צדיק'ס שטעטל.

### המקדש בפחות משוה פרוטה

**ר' יצחק:** עד כאן האבן עס געלערנט מענטשן. יעצט קען מען לערנען הלכות פון די שיעור. נאך פרוואה וואס מיר האבן געלערנט שוין פריער אז קידושי כסף דארף זיין מפרוטה אדער שוה פרוטה. וואס געשעט אויב ס'איז נישט? וואס געשעט דאס איז א ספק בחילוק אז מ'זעט לערנען?

### דער חילוק צווישן פרוטה און שוה פרוטה

**ר' יואל אשר:** **המקדש בפחות מפרוטה אינה מקודשת.** אויב געבט ער א קוין, וואס אונז ווייסן וואס דער קוין איז, ס'איז ווייניגער ווי א פרוטה, איז אינה מקודשת. אבער דא איז דא א חידוש וואס מיר האבן געלערנט אז אויך איז תשובה כסף. שוה כסף איז שוין אביסל מער קאמפליצירט. איז אזוי,

**קידשה באוכל** מיט אן עסן **או בכלי**, מיט א מתנה א כלי, **וכיוצא בו ששוה פחות מפרוטה**, און מ'שעצט עס אפ, מעה, ס'איז נישט ווערד מער ווי א פרוטה. לכאורה ווייסט מען, ס'איז נישט ווערד קיין גאנצע פרוטה. וואלט א מענטש געזאגט, אקעי, אזוי ווי ווען דו ברענגסט א פייוו סענס קוין וואס איז נישט א קוואדער, וואטעווער פרוטה איז, ס'איז נישט. אבער ווען ס'איז א ווערד זאך, איז אן אנדערע הלכה. **הרי זו מקודשת בספק**, וואס איז יא מקודשת בספק. און וואס מיינט מקודשת בספק? **וצריכה גט מספק**. ער זאגט מיר נישט אז מ'דארף נאכאמאל מקדש זיין.

**ר' יצחק:** אויב מ'וויל.

**ר' יואל אשר:** אוודאי. אויף וואס זאגט ער דארף צריכה גט מספק? ווייל די שאלה איז וועגן די געבסט. ווען איינער וויל מקדש זיין, קאסט דאך נאך א פרוטה צו מקדש זיין. ס'איז נישט קיין פראבלעם. אבער פארוואס? גייט דיר אריין מיין מאל זיין פארוואס. ס'איז דאך זייער שווער. פארוואס זאלן זיין אנדערש ווי פחות פון פרוטה? ווייל ביי א זאך וואס איז שוה פרוטה, **שמא דבר זה שוה פרוטה במקום אחר**, אפשר אין אנדערע פלעצער איז עס יא ווערד מער. ממילא שאדט עס נישט אזוי שנעל אפ אז ס'איז נישט שוה כסף. די זאכן טוישן זיך, און ס'איז דא אנדערע געגנטער, אין אנדערע פלעצער איז עס יא ווערט.

**ר' יצחק:** סאו שוה פרוטה איז נישט אזא קלארע זאך. פרוטה איז א קלארע זאך, אבער א שוה פרוטה, יעדע זאך האט דאך דא א פרייז אין לעיקוואוד קאסט אן אתרוג אזויפיל, אבער אין וויליאמסבורג די זעלבע אתרוג קאסט צוויי מאל אזויפיל. דו קענסט מיר זאגן פארוואס? קיינער ווייסט נישט, אבער אזוי, במקום אחר קאסט עס מער. אפשר קען עס דאך גיין פארקויפן אין איינע פלאץ און מאכן די פרוטה, סאו ס'איז דאך נאר שוה פרוטה.

**דער רמב"ם'ס לשון: במקום אחר**

**ר' יואל אשר:** שוין, דער רמב"ם גייט שוין

**ר' יצחק:** לאנגען צו דעם א גרעצע... די גמרא הייסט עס שוה פרוטה במדי, אבער דער רמב"ם כדרכו האט ארויסגענומען די קוריאזע ווארט פון מדי.

**ר' יואל אשר:** במקום אחר, די גמרא'ס מקום אחר איז געווען מדי, דער רמב"ם וואלט דאך נישט דארט.

**ר' יצחק:** שטייט דאך א פסוק, רבא פצה ליעמד ליהודים במקום אחר. וואו איז עס געווען אין מדי? אה, שטייט אין תורה. **הא למדת**, זאגט דער רמב"ם, פירט זיך אויס, קומט אויס די הלכה, יא?

**דער רמב"ם'ס חידוש: תבשיל וירק**

**ר' יואל אשר:** אבער איך זאג, דער רמב"ם גייט שוין לייגן טשעקס און באלאנסעס צו דעם. לאמיר ענדיגן. **הא למדת, שכל המקדש בשוה כסף**, א זאך וואס איז ווערד געלט, איז יעצט דארף מען עס ערנסט באטראכטן. **אם היה שוה פרוטה באותה המדינה**, אין דער געגנט - ביי די ווער, ווען דער רמב"ם זאגט "מדינה", זאלן די ליסענערס וויסן, סתם ווייסט שוין די עולם תלמידי חכמים, א מדינה מיינט א שטאט, א שטעטל, נישט א שטעטל וואס אונז קענען, אזא קאנטרי - **הרי אלו קידושי ודאי**, ווייל אין דער געגנט איז עס אנגענומען אלס א שוה פרוטה, דאס איז די לאקאל מארקעט. **ואם אינו שוה פרוטה**, איך מאך מיר נישט נאריש אוועק, **הרי אלו קידושי ספק**,

**ר' יצחק:** אפשר איז עס ווערד א פרוטה.

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם,

**ר' יצחק:** ס'איז אבסורד צו זאגן אז יעדע זאך איז אפשר ווערד א פרוטה.

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם אזוי, דער רמב"ם מאכט אן אייגענע חידוש,

**ר' יצחק:** אן אייגענע אגבורה. דער רמב"ם זאגט אן אייגענע אגבורה, וואס איך מיין אז דער רמב"ם'ס אגבורה איז בעסיקלי אויך די אגבורה פון

**ר' יואל אשר:** די גאנצע נוסח פון "ואם אינו שוה פרוטה", ווי ווייט גייט מען. איך מיין אז ס'גייט הונדערט פראצענט ווייט, ס'איז נאר דא אן יוצא מן הכלל וואס דער רמב"ם מאכט. איך ווייס נישט, איך ווייס נישט. איך ווייס נישט פארוואס. דא זאגט דער רמב"ם אזוי, ווען דער רמב"ם לייגט די קעפל, דער רמב"ם זאגט דא די קעפל **"ייראה לי"**, וואס אונז קענען פון פרשת העקידה, "יראה לי עשה לעולה בני". דער אייבערשטער, ווען דער רמב"ם זאגט "ייראה לי", מיינט אז ס'איז זיין אייגענע חידוש, ס'איז נישט גע'פסק'נט לויט ווי דער רי"ף אדער ווי א גמרא וואס ער האט געטראפן אדער א ירושלמי אזוי ווי כדרכו, נאר זיין אייגענע סברא. אז וואס? אז דאס וואס מ'האט געזאגט אז וויניגער ווי א פרוטה איז נאך אלץ ספק קידושין וועגן "שמא שוה פרוטה במקום אחר" איז נאר געוועהנליך. אבער אויב האט ער מקדש געווען **בתבשיל**, מיט א זאך וואס ער האט געקאכט, **או בירק**, וואס זענען זאכן וואס האלטן זיך נישט צו לאנג, ס'האלט זיך א פאר שעה צו א טאג-צוויי, איז **אם לא היו שוה פרוטה באותו המקום אינה מקודשת כלל**. אויב די געוויסע זאך איז נישט ווערד שוה פרוטה אין דער געגנט - ער זאגט נישט אריין אפילו מדינה - אין דעם מקום וואו ס'איז פראקטיש, וואו מ'גייט זיך גיין עסן, ווי לאנג ס'וועט נישט ווערן פארשימלט, איז **אינה מקודשת כלל**. איז זי נישט מקודש כלל. פארוואס? **שהרי דבר זה אינו מגיע למקום אחר**. יא, בכלל נישט קיין ספק. ס'איז נישט דא דאס, א גאנצע צייט איז דאך נאר ספק. זי איז נישט מקודשת. ער זאגט דאך די לשון "כלל". **שהרי דבר זה אינו מגיע למקום אחר עד שייפסד ויאבד ולא יהי שוה כלום**. אז ערגעץ אנדערש איז עס ווערט, ביז ס'גייט אנקומען ערגעץ אנדערש וועט עס שוין נישט זיין ווערט. דאס הייסט, אז מ'זאגט עפעס איז ווערט ערגעץ אנדערש, דארף עס מאכן סענס.

**דיסקוסיע: דער רמב"ם'ס פארשטאנד פון "שוה פרוטה במקום אחר"**

**ר' יצחק:** אבער אויב איז עס אזא פאל... איך ווייס נישט פארוואס דו ביסט נאכפעלד. דער רמב"ם האט פארשטאנען אז דאס איז א פראקטישע זאך. דאס איז לכאורה אויף דעם וואס ס'איז געבויט. דאס וואס שטייט "שוה פרוטה במדי", מיינט נישט אז דערפאר איז דא וואס גייט מכח דעם, דא איז עס נישט. האט דער רמב"ם געזאגט, ניין, ס'מיינט צו זאגן, דו קענסט זיך נעמען פירן דעם כלי דארט דארט און פארקויף עס דארט.

**ר' יואל אשר:** נו פראבלעם. רגע, אבער איינמאל דער רמב"ם האט דאס געזאגט, איז עס אויך נישט

**ר' יצחק:** קיין היפאטעטיקל אז מ'קען, נאר ס'איז א מציאות אז מ'קען. ס'איז א היפאטעטיקל אז מ'קען, אבער פארוואס האט ער נישט גענומען...

**ר' יואל אשר:** מ'קען בעיסן אויף דעם רמב"ם אויך זאגן אז אויב איז עס צען שעה אוועק איז נישט נוגע, אויב איז דא די דריי שעה אוועק.

**ר' יצחק:** ניין, מ'קען נישט דאס זאגן, ווייל מ'קען עס נעמען א טרעין ווי ס'איז דא חשובה וויל. אוודאי,

**ר' יואל אשר:** דאס איז דער טייטש.

**ר' יצחק:** דער רמב"ם זאגט אז אויב אז ס'איז פאקטיש אוממעגליך, די הלכה איז נישט קיין טעארעטישע הלכה אז כאילו איינער וועט זאגן אז שוה פרוטה האט עפעס אן הרחבה אז ס'מיינט במדי. ניין, שוה פרוטה מיינט שוה פרוטה. און נאר וואס ס'איז דא אמאל, יעדער סוחר ווייסט אז א גאנצע ביזנעס איז, מ'נעמט זאכן פון דא וואס איז ביליג און פארקויפט עס ווי ס'איז טייער. ס'איז א נארמאלע זאך, זי איז א ביזנעס לעידי, זי גייט עס פארקויפן דארט, האט זי מאכן נוגע. זאגט ער אים, אקעי, אויב זיי קענען עס נישט פארקויפן, איז נישט נוגע. און דאס איז וואס דער רמב"ם זאגט, **"ודבר של טעם הוא זה"**. ער פרעסט מיך ארויף. זיין סברא?

**"ודבר של טעם הוא זה" - דער רמב"ם'ס זעלטענער קאמפלימענט**

**ר' יואל אשר:** ער געבט זיך אליין א קאמפלימענט. זייער שיין. ניין, ס'איז זייער אינטערעסאנט, ווייל דער רמב"ם איז זייער סטינדזשי מיט קאמפלימענטס,

**ר' יצחק:** אבער פאר זיך אמאל דארף זיך א מענטש אמאל געבן א קלאפ אין רוקן. ניין, איך וועל דיר זאגן איבערטייטש. איבערטייטש איז אז געוועגליך ווען עס מאכט זיך אמאל דער רמב"ם...

## קידושין בכסף: דיני נתינה, רשות, וסבלונות

### דיסקוסיע: שוה פרוטה במדי — המשך

**ר' יצחק:** ס'איז א נארמאלע זאך, זי איז א ביזנעס לעידי, זי גייט עס פארקויפן דארט, האט זי צו מאכן נגאל. זאגט ער אים, אקעי, אויב זי קען עס נישט פארקויפן, איז נישט נוגע. אונזער רמב"ם זאגט, ודבר של טעם הוא זה, איבער איבער דער רמב"ם טראכט איבער די הלכה. דאס זאג איך, איך האב נישט קיין קלארע גמרא אויף דעם, סאו איך קען נישט זיין זיכער, האב איך געברעכט. דאס זאגט דער רמב"ם, דאס האב איך שוין איבערגעקלערט, איך האלט אז ס'קען זיך סתומות אויף מיין סברא. ס'איז א גאנצע סברא.

**ר' יואל אשר:** ס'שטייט נישט. די הלכה איז אויך א הלכה אין קדושה דוקא. איך מיין געווענליך ווען א מענטש זאגט, מ'קוקט אייביג אויף די לאקאל מארקעט, ס'איז א חומרא.

**ר' יצחק:** לכאורה איז א ספעציעל חומרא אויף קידושין. און מיר האבן גערעדט פריער אז ס'קען זיין די סברות, ווייל קידושין איז נישט קיין אמת'דיגע קנין. ווען איך פארקויף דארף צאלן א מזיק שוה פרוטה, קען איך נישט צאלן שוה כסף פון מה דעת. שוה כסף מוז זיין שוה כסף.

**ר' יואל אשר:** וואס איז עכט שוה כסף.

**ר' יצחק:** ס'קען זיין אפילו מער. קידושין איז נישט טייטש מ'פארקויפט א פרוי מיט א שוה פרוטה. ס'איז א זאך, דאס איז געגוג חשוב, זי איז מקנה נפשיה בשוה פרוטה. אז א זאך וואס זי קען עס צאלן, פירן קיין עמודי, אקעי, ס'איז אויכעט.

**ר' יואל אשר:** ניין, איך זאג, ווען ס'קומט איינער פון אן אנדערע שטאט, ער קען נישט אזוי די נימוסים, און ער ברענגט עפעס. ווען מ'זאגט שבע פרוטה ובמדי מיינט ער איז באמת מחשיב אלס א קידושין.

**ר' יצחק:** ער וויל דאך באמת מקדש זיין.

**ר' יואל אשר:** ער האט געזען ביידע, ס'דארף זיין ווערד ביי ביידע, יא? נישט קיין חילוק די פוינט, באט ס'קען דאך זיין א מציאות. די שבע פרוטה ובמדי מאכט דאך אויך א מציאות'דיגע זאך, אז ס'קען זיין א חתן זאל קומען בתום לב און געבן עפעס וואס אין זיינע אויגן איז זייער אסאך ווערד, און מיט דעם מקדש זיין. ווייל סוף כל סוף איז דאך אויך דא אונטער דעם עפעס א מציאות'דיגע שמועס.

**ר' יצחק:** איך ווייס נישט. איך ווייס נישט פארוואס דו זוכסט, איך מיין, יעדע אלעמאל, די מציאות אז זאכן זענען ווערד מער אין אנדערע פלעצער, דאס איז די נארמאלע סדר, אזוי מיין איך. ס'איז נישט קלאר, אבער ס'איז זייער אינטערעסאנט, ווייל אין די גמרא שטייט, איך פרעג א קשיא אויף די רמב"ם'ס חילוק, ווייל די גמרא, אויב איך געדענק, שטייט א מקדש בתמרה, רייט? מ'רעדט פון א טייטל.

**ר' יואל אשר:** אה, סאו ווי שטימט מיט דעם?

### קשיא פון דער גמרא: מקדש בתמרה

**ר' יצחק:** אבער א טייטל קען מען אויסדריקן א לאנגע צייט. אמר שמואל, קדשא בתמרה, פולה עומד כר תמרה מדינה ומקדשת, חששינא ה' פרעה מיטן. לכאורה, די סברא פון דעם איז זייער פארשטאנען. אין בבל איז געווען אסאך תמרים, ווי יעדער ווייסט, דארט איז עס געווען זייער ביליג. אבער אין מדי האט ער זיך פארגעשטעלט אז דארט איז עס מער. יא, פשוט פשט.

**ר' יואל אשר:** איך האב געטראכט אז תמרים איז נישט אזוי ווי דער תבשיל או ירק פון דעם רמב"ם. ס'איז עפעס וואס קען זיך גוט האלטן.

**ר' יצחק:** ס'איז א פרישע תמר, אבער ס'איז א טרוקענע. אפשר איז עס א טרוקענע? נאכדעם קען עס טרוקענען אויך.

**ר' יואל אשר:** אקעי.

### הלכה: המקדש אשה בפחות מפרוטה — דין סבלונות

**ר' יצחק:** זייער גוט. יעצט גייען מיר לערנען נאך חששות וועגן די כסף קידושין.

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם אזוי, **"המקדש אשה בפחות מפרוטה"**.

**ר' יצחק:** דאס איז די שאלה? יא.

**ר' יואל אשר:** דאס הייסט סבלונות.

**ר' יצחק:** **"המקדש אשה בפחות מפרוטה"**. דער רמב"ם ברענגט צוויי דוגמאות.

**ר' יואל אשר:** פון קידושין וואס זענען נישט געווען כשר, ווייל ס'איז נישט געווען קיין פרוטה. אדער ווייל ער האט געגעבן איינעם פחות משוה פרוטה, אדער **"שקידש שתי נשים בפרוטה"**, וואס מיר האבן פריער געלערנט אז דאס איז נישט מקודש.

אבער וואס טוט זיך? **"אף על פי ששלח סבלונות לאחר מכאן"**, נאכדעם האט ער אנגעהויבן שיקן מתנות וואס מ'שיקט צו א כלה, דאס ווערט אנגערופן אין לשון גמרא סבלונות, **"אינה מקודשת"**.

פארוואס? א מענטש ווואלט ווען געקענט טראכטן אפשר איז דאס קידושין. זאגט דער רמב"ם, **"וכן קטן שקידש"**, איינער האט מקדש געווען ווען ער איז געווען א קטן, און א קטן'ס קידושין איז נישט קיין קידושין. אבער וואס טוט זיך נאכדעם וואס ער איז געווארן גדול, ער איז געווארן גרויס, **"אף על פי ששלח סבלונות אחר שהגדיל"**, ער האט געשיקט מתנות נאכדעם וואס ער איז געווארן א גדול? זאל מען טראכטן אז די סבלונות... קען מען טראכטן, אויב די קידושין איז נישט געווען גוט, אקעי, זאל דאס זיין די קידושין.

זאגט דער רמב"ם, דאס וואלט ווען געווען ווען מענטשן שיקן עס לשם קידושין, אבער ס'ארבעט נישט אזוי. סבלונות איז א זאך פאר זיך וואס מ'שיקט נאך די קידושין. **"שמחמת קידושין הראשונים שלחו שהיו קידושין פסולין"**. דער וואס שיקט סבלונות אסומט און ס'האט די א זעה אז זיי זענען שוין מקודש, און דאס איז נאר מתנות פון נאכדעם. און למעשה זענען זיי דאך נישט מקודש, און די סבלונות זענען נישט געווען לשם קידושין.

**ר' יצחק:** דאס הייסט, ער האט געמאכט א טעות. ווען ער וואלט געווען קלוג, אפשר וואלט ער געקענט וויסן, אבער געוועגליך סבלונות איז נישט קיין זאך וואס איז געמאכט פאר קידושין. סבלונות איז א זאך וואס...

**ר' יואל אשר:** מ'שיקט פאר די כלה.

**ר' יצחק:** די פשט, ער רעדט זיך איין אז זי איז א כלה, אבער זי איז אנפארטשונעטלי נישט, האט די סבלונות פאר גארנישט. דאס איז די פראבלעם. יא? זייער גוט. יעצט גייען מיר לערנען... ער זאגט אז סבלונות איז בלשון סבל, מ'טראגט עס, א זאך וואס מ'טראגט צום כלה.

**ר' יואל אשר:** סבל מיינט איינער וואס טראגט זאכן.

**ר' יצחק:** אה, ס'איז סבלונות. א געטראגעניש. אינטערעסאנטע לשון.

**ר' יואל אשר:** פיין, מ'נעמט א דעליווערי מען, א גרויסע פעקעדזש.

**ר' יצחק:** יא. אקעי, עד כאן האבן מיר געלערנט וועגן די פרוטה. יעצט גייען מיר לערנען וויאזוי ס'דארף אנקומען די כסף אדער די שטר צו די אשה. פון דעם קען מען זיך אויך מאכן ספיקות, גייען מיר לערנען פרטים אין דעם.

### הלכה: דיני נתינה — אינו צריך שיתן לתוך ידה

**ר' יצחק:** דער רמב"ם מאכט אריין א הקדמה, יא? די נארמאלע הלכה.

**ר' יואל אשר:** **"המקדש את האשה בכסף או בשטר אינו צריך שיתן הקידושין לתוך ידה"**. איינער מקדש א פרוי בכסף או בשטר, דארף ער נישט געבן... זיי האבן געזאגט מ'דארף געבן די כסף. וואו דארף מען עס געבן? נישט זיין דווקא לתוך ידה. **"אינו צריך שיתן הקידושין לתוך ידה, אלא כיון שרצת לזרוק לה קידושיה"**, ער וויל עס איר ווארפן. זי רצתה מיינט אז זי איז מסכים, רייט? **"כיון שרצת"**...

**ר' יצחק:** ער וויל נישט געבן א ווארף צו איר.

**ר' יואל אשר:** זיי האבן דאך געלערנט ס'דארף זיין איר רצון.

**ר' יצחק:** זי האט רצון צו ווארפן צו איר.

**ר' יואל אשר:** וואו איז דאס צו איר? זי דארף האבן אויף די רצון, צו מסכים זיין אז די גאנצע שטח וועט זיין די מקום פון די ווארפעכץ. זי דארף מסכים זיין צו די געווארפעכץ.

**ר' יצחק:** יא, ס'איז באווארפן. און ער האט געווארפן לתוך ידה, אדער בין דעם וואס ער האט געווארפן...

**ר' יואל אשר:** **"וזרקם בין לתוך ידה בין לתוך חיקה"**, אויף איר הענט אדער אויף איר שויס, **"או לתוך חצירה או לתוך שדה שלה"**, סיי איר באר וואס איז אויף איר רשות, און סיי איר גרעסערע מושג פון רשות, **"הרי זו מקודשת"**, ווייל ס'איז אן אנדערע וועג פון געבן פאר איר.

וואס טוט זיך? **"היתה עומדת ברשות הבעל"**, זי שטייט אין די מאן'ס רשות, דעמאלטס האט זי נאר איר רשות, איר אייגענע גוף, איר אייגענע ד' אמות, **"צריך שיתן לתוך ידה או לתוך חיקה"**, אבער אויב ער ווארפט עס אראפ סיי וואו אין די פלאץ וואו זי איז, וואס איז זיין רשות, הייסט עס נישט געגעבן פאר איר. זייער גוט, ווייל ס'איז נישט איר חצר, ס'קומט אן צו איר.

**הלכה: רשות של שניהם — קידושי ספק**

**ר' יואל אשר:** וואס טוט זיך אזא פאל? **"היתה עומדת ברשות שהיא של שניהם"**, זיי זענען שותפים.

**ר' יצחק:** און די רשות איז ביידנס. **"וזרק לה קידושיה מדעתה"...**

**ר' יואל אשר:** און ער האט עס געווארפן, און אנשטאט ס'איז נישט געפאלן די ידה לחיקה, נאר אין די רשות. איז יעצט די שאלה, דער פלאץ וואו ס'איז געפאלן איז אויף ביידנס, ס'איז נישט געווען אינגאנצן איר רשות. **"הרי זו מקודשת קידושי ספק"**, ס'איז א ספק צו ער לייגט אין איר רשות. אינטערעסאנט אז מ'רופט עס ספק, אזוי ווי אונז ווייסן נישט וועלכע פיס פון די הויז איז איר. ניין, נישט וועגן דעם איז א ספק. דאס הייסט אנגעקומען לרשותה. **"ואפילו אמרה לו הנח קידושי על מקום זה ואותו המקום של שניהן הרי אלו קידושי ספק"**.

**ר' יצחק:** **"היו עומדין ברשות הרבים או ברשות שאינה של שניהם וזרק לה קידושיה, קרוב לו אינה מקודשת, קרוב לה הרי זו מקודשת, מחצה למחצה או שהיו ספק קרוב לה ספק קרוב לו ואבדו קודם שיגיעו לידה הרי זו מקודשת בספק. כיצד הוא קרוב לה וקרוב לו"...**

**ר' יואל אשר:** **"כל שהוא יכול לשמור אותן והיא אינה יכולה"...**

**ר' יצחק:** **"זה הוא קרוב לו, היא יכולה לשמור והוא אינו יכול זה הוא קרוב לה, שניהם יכולין לשמור אותן או שניהם אינן יכולין לשמור אותן זה הוא מחצה למחצה"**. א ספק צו ס'איז אנגעקומען צו איר רשות, אפשר האט ער...

**ר' יואל אשר:** ספק אין הלכה. ספק אין הלכה.

**דיסקוסיע: ספק במציאות אדער ספק בהלכה?**

**ר' יצחק:** קען זיין ס'איז א ספק אין הלכה, ס'איז א ספק אין הלכה, כאילו וויאזוי מ'רעכנט איר דעת.

**ר' יואל אשר:** מיט ביידע פון ספקות בדעת החכמים.

**ר' יצחק:** וואס טראכטן וועגן דעם. ס'איז נישט קיין ספק אז זי ווייסט נישט.

**ר' יואל אשר:** איז ואפילו אמרה לו הנח קידושי, ס'העלפט נישט, ס'איז נישט א בעל שטער אזוי ווייל זי איז נישט מסכים אדער וואס, ואפילו אמרה לו הנח קידושי על מקום זה, לייג עס דא. אבער וואס איז על מקום ששניהם? דער פלאץ באלאנגט פאר ביידע, הרי זו מקודשת ספק, אזוי ווי דערמאנט, ווייל אידן זאגן העלפט נישט, מ'דארף עס לייגן אין איר רשות. ס'איז נישט קיין מעשה קידושין.

**ר' יצחק:** ווייל דו זעסט קלאר אז די ספק איז א הלכה, ס'איז נישט ווייל זי ווייסט נישט. זי ווייסט קלאר, זי זאגט, לייג עס אויף דעם שטיקל. אבער ס'איז נישט איר שטיקל, ס'איז ביידע שטיקל. ס'איז ביידע שטיקל, ס'קען זיין, קענסט מסביר זיין אזוי ווי די למדות, אז ס'איז דא פארט, פארטס אין קידושין, ס'דארף אוועקגיין פון זיין רשות און אנקומען צו איר רשות. רייטלי, ער געבט עפעס פון אים און צו איר, ס'איז אנגעקומען צו איר זיכער, אבער ס'איז נישט אוועקגעגאנגען פון אים, ווייל ס'איז אין זיין רשות. אפשר הייסט ער האט עס נישט געגעבן. א סברא בעלמא, מ'קען זאגן אנדערע סברות. פארוואס איז דאס חקירה? זייער גוט.

וואס איז טאמער איז נישט נאר א רשות, נישט פון זיין אים און נישט פון איר...

**הלכה: רשות הרבים — קרוב לו וקרוב לה**

**ר' יואל אשר:** נאר סתם אין א רשות. היו עומדין ברשות הרבים, זיי האבן נישט געפאלגט די איסור פון טון אויף די שיק. היו עומדין ברשות הרבים, היו עומדין ברשות הרבים, או ברשות שאינה של שניהם, א שטעל וואס באלאנגט פאר ביידע נישט, א נוטשראל פלאץ, וזרק לה קידושיה, איז אזוי, קרוב לו איז אינה מקודשת, ווייל דעמאלטס קוקט מען ווי ווייט און ווי נאנט. אין דעם פלאץ איז נישט פשט אז א מענטש האט נאר זיינע ד' אמות, ס'איז אן אנדערע גדר, נאר ס'איז דא ווי נאנט. קרוב לו אינה מקודשת, ווייל ער האט עס אראפגעווארפן לעבן זיך, ער האט נישט געטון די קרוב לה, און דעמאלטס איז הרי זו מקודשת.

**ר' יצחק:** ס'איז עפעס א נייע סארט גדר. דער רמב"ם גייט מסביר זיין די נעקסטע הלכה וואס טייטש קרוב לו און קרוב לו, אבער נאר נאר. ווען ס'איז איר רשות, אזוי לאנג ס'איז איר רשות איז עס איר. ווען ס'איז זיינס איז זיינס. ווען ס'איז ביידע. איז דער ספק. אבער וואס איז אויב ס'איז זיין א דריטן רשעות? סאו קען נישט וואו זיי זענען, נענטער צו אים איז מער זיינס, און מענטער איז איר איז איר'ס. מחצה למחצה.

**ר' יואל אשר:** מחצה למחצה, אה, מ'בלייבט אבער, מ'וויל דאך מאכן אן עקשאן. וואס טוט זיך מחצה למחצה? אדער... און מ'קען דאך יעצט טשעקן, אבער ואבדו קודם שיגיעו לידה, די אלע זאכן איז דאך א הייפאטעטיקל, אדער ער קען דאך יעצט שנעל פיקסן.

**ר' יצחק:** ער מוז עס נאכאמאל אריינער.

**ר' יואל אשר:** מ'רעדט דאך אז ס'איז אוועקגעלאפן.

**ר' יצחק:** און ס'איז א סיטועישאן. יא, יא.

**ביאור: וואס מיינט "קרוב לו" און "קרוב לה"?**

**ר' יואל אשר:** איז מחצה למחצה איז ווייל זאגט דער רמב"ם, וואס מיינט דאס "קרוב לו" "קרוב לה"? דא גייט ער אונז געבן אביסל א הגדרה, ווייל אונז האבן פארשטאנען אדער איז עס איר רשות ווייל ס'איז איר גוף, אדער דער שטח איז איר. וואס איז די צווישנדיגע פאל? זאגט ער אזוי. "קרוב לו" "קרוב לה" מיינט נישט נאר אין שטח, ס'מיינט נישט בכלל נישט שטח, נאר ס'איז דער ענין אז א מענטש האט א געוויסע קאנטראל ארום זיך, ער קען היטן די ארום זיך. דאס הייסט זיין שטח.

**ר' יצחק:** ס'מאכט עס אסאך שווערער צו אויספיגערן.

**ר' יואל אשר:** **"כל שהוא יכול לשמור אותן והיא אינה יכולה"**, לאמיר זאגן אז ס'וועט קומען א רוח מצויה אוועקבלאזן די שטר קידושין וואס מ'האט געגעבן. ער שטייט דארטן, ער קען עס כאפן, איז פשט אז ס'איז זיין טעריטאריע. **"יכול לשמור והיא אינה יכולה זה הוא קרוב לו"**, דאס הייסט "קרוב לו".

**ר' יצחק:** דאס הייסט, אויב ער קען היטן און זי נישט, הייסט עס, איך ווייס נישט וואס א נסיון פון נאנטקייט קען זיין, אז עפעס א הויכע בארג...

**ר' יואל אשר:** ס'איז א רוספער שליטה אזוי ווי.

**ר' יצחק:** רייט, באט איך זאג עס, געווענליך מסתמא איז נאנטקייט די זעלבע ווי דאס, אבער ס'קען אמאל זיין אז ס'איז א בארג, ס'איז א...

**ר' יואל אשר:** ס'קען אויך זיין אז ער איז א גיבור, און אין אזא פאל איז אפשר אז ער האט א ברייטערע ריטש, אויף דעם וועט מען נאך זאגן, צריך

להתיישב בדבר.

**ר' יצחק:** קיצור, אז ער קען און זי קען נישט, דאס איז א "קרוב לו". ווען זי קען און ער קען נישט, דאס איז "קרוב לה". אויבביידע קענען נישט, אדער ביידע קענען יא, איז עס "מחצה למחצה", ווערט ווייטער א ספק.

**ר' יואל אשר:** דאס איז דאך אויך מסתבר.

## סיכום פון פרק ד' פון הלכות אישות

### דיון: נפקא מינה פון "קרוב לו" און "קרוב לה"

**ר' יצחק:** איך ווייס נישט וואס איז דער נפקא מינה פון נאנטקייט.

**ר' יואל אשר:** ס'קען זיין אז ס'איז א הויכע בארג...

**ר' יצחק:** רייט, אבער איך זאג, געווענליך מסתמא איז נאנטקייט די זעלבע ווי דאס, אבער ס'קען אמאל זיין אז ס'איז א בארג, ס'איז א...

**ר' יואל אשר:** ס'קען אויך זיין אז ער איז א גיבור, און אין אזא פאל איז אפילו ער האט א ברייטערע ריטש, ער איז א גרעסערער מענטש. אויף דעם וועט מען נאך זאגן, צריך עיון בדבר.

**ר' יצחק:** קיצור, ווען ער קען און זי קען נישט, איז דאס קרוב לו. ווען זי קען און ער קען נישט, איז דאס קרוב לה. אויב ביידע קענען נישט—

**ר' יואל אשר:** אדער ביידע קענען יא, איז דאס מחצה למחצה און ס'ווערט ווייטער א ספק.

### סיכום פון גאנץ פרק ד'

**ר' יצחק:** איז עד כאן האבן מיר געלערנט. דער גאנצער פרק איז בעיסיקלי געווען פרטים פון... לאמיר מאכן שנעל א סאמערי. איך האב דא א שטיקל ליסט, רייט?

### ספקות אין רצון האשה

אלע מיני פרטים פון וואס איז אויב מ'ווייסט נישט... זי האט געזאגט עפעס א לשון וואס מ'ווייסט נישט, ס'איז א ספק אין איר רצון, מ'ווייסט נישט קלאר צו זי וויל, "ואת" אדער אזעלכע סארט זאכן.

### עדים פסולים

מיר האבן געהאט פרטים ווענגן די עדים וואס מיר זענען פסול.

### סארטן מענטשן מיט באזונדערע דינים

מיר האבן געהאט פארשידענע אופנים וואס הייסט, בעיקר איין אופן וואס ס'איז דא קידושין, די חכמים האבן געמאכט קידושין, דאס הייסט א יתומה. באלד וועלן מיר זען אזוי אויך א חרשת, אבער ס'איז נאך א זאך.

מיר האבן געהאט א לאנגע... מ'קען מאכן בעצם די גאנצע זאך אויך דא א ליסט פון סארט מענטשן. די ערשטע איז דא א יתומה, לאמיר מאכן אזוי:

- **יתומה** — ס'איז דא קידושין מדרבנן
- **חרשת** — האט אויך קידושין מדרבנן
- **שוטה** — נישט
- **סריס און אילונית** — האבן געהעריגע קידושין
- **טומטום און אנדרוגינוס** — איז דא א ספק
- אויב ס'איז אסור, ווענדט זיך: **ערוה** — נישט; **שניה** — יא, וכו'
- **גוי און שפחה** — האבן מיר נישט
- **חציה שפחה** — האט א ספק
- **שיכור** — האבן מיר געלערנט, ווענדט זיך, געווענליך יא, ווענדט זיך

### שוה פרוטה

נאכדעם האבן מיר געלערנט ווענגן שוה פרוטה:

- **פחות משוה פרוטה** — נישט
- אויב ס'איז א ספק במציאות — אפשר יא
- אויב ס'איז געשיקט געווארן סבלונות — ס'טוישט נישט גארנישט

### רשות האשה

נאכדעם האבן מיר געלערנט אז דאס דארף נישט אנקומען צו איר האנט, ס'דארף נאר זיין צו איר רשות, און אויף דעם קען אויך זיין ספקות, חצי חצי, פארשידענע אופנים.

---

**איז עד כאן איז פרק ד' פון הלכות אישות.**